STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04178

DI PARIZER KOMUNE

Abraham Blum

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די פּאַריזער קאָמונע

זאמלבוך

דערשינען אין 1941 אין וואַרשעווער
געטאָ אונטער דער רעדאַקציע פון
אבראשא בלום

פאריזער קאמונע
1871
1941

סאָציאַליסטישע יוגנט־ביבליאָטעק (סיב)
נ׳ 7 וואַרשע 1948

אַרויסגעגעבן דורך דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון י.ב. „צוקונפט“ אין פוילן

PRINTED IN POLAND
WARSAW 1948

PARIZER KOMUNE

SOCIALISTISZE JUGNT-BIBLIOTEK „S I B" NR 7

WYDAWCA: KOMITET CENTRALNY ORGANIZACJI MŁODZIEŻY SOCJALISTYCZNEJ „C U K U N F T" W POLSCE

SKŁADANO I TŁOCZONO
W DRUKARNI „OGNIWO", WARSZAWA, TARGOWA 33, TEL: 76-92.
B—44326

פאָרוואָרט

די ערשטע אויפלאַגע פון דעם זאַמל־בוך „פּאַריזער קאָמונע" איז דער־שינען אין וואַרשעווער געטאָ אין יאָר 1941, אַרויסגעגעבן דורכן קאָנספּיראַ־טיוון פאַרלאַג פון סאָצ. יוגנט־ביבליאָטעקביים צ"ק פון י"ב „צוקונפט".

מערץ 1941. היטלערס חילות זענען געגאַנגען פון נצחון צו נצחון. אין וואַרשעווער געטאָ הערשט אַ גוואַלטיקער פיזישער און פּסיכישער טעראָר. די דייטשן פירן זייער מאָרד־אַרבעט. אַ צווייפל נעמט אָרום די שטאַרקסטע און געוואַגסטע, עס דוכט זיך, אַז בעסערע צייטן וועלן שוין נישט קומען, אַז די איינציקע פּערספּעקטיוו איז אונטערגאַנג.

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט דער י"ב „צוקונפט" זיך נישט איינגע־בראָכן, געפירט אַ ברייטפאַרצווייגטע פּאָליטישע און אויפקלערונגס־אַרבעט.

ווי אַ דערמוטיקונג און דערמונטערונג אין יענע שווערע טעג אַנטשטייט און דערשיינט דאָס זאַמל־בוך „פּאַריזער קאָמונע". פאָרשטעלנדיק איינע פון די העראָישסטע בלעטלעך פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, האָט די בראָשור גע־וויזן דעם וועג פון דער אויסלייזונג פאַר די יידן פון די געטאָס — דעם זיגרייכן קאַמף פון סאָציאַליזם קעגן פאַשיזם און רעאַקציע.

די בראָשור האָט געהאַלטן 72 זייטן דינעם פּליסל־פּאַפּיר, געווען רייך אילוסטרירט און פאַרמאָגט אַ צווייפאַרביקע הילע. די זייטלעך, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די באַזונדערע קאַפּיטלען זענען אויך געווען צווייפאַרביק. די בראָשור איז געדרוקט געוואָרן אין דער קאָנספּיראַטיווער דרוקעריי (אַ קליין צימערל אויף פאַוויע 68), וווּ דריי טעג און נעכט האָבן ביים שיין פון קאַרביד־לאָמפּן (די פענצטער זענען געווען פאַרשטעלט) אָן אויפהער גע־אַרבעט 4 חברים: וועלוול ראָזאָווסקי, בלומקע קלאָג, זיפּערמאַן און דער מחבר פון די שורות. דאָס שער־בלאַט און אַלע אויפשריפטן זענען געמאַכט געוואָרן מיט אַ געוויינלעכער שפּילקע, דורך דער חברטע רבקה ראָזענ־שטיין. די אילוסטראַציעס האָט אויף אַ „וואָסקאָוויעץ" געמאַכט דער יינגער קינסטלער ח' הערשל צינאַי. דעם טראַנספּאָרט פון דער דרוקעריי האָט

אַדורכגעפירט דער חבר זיפערמאַן אין דער צייט פון די דייטשישע „לאַפאַנקעס". די „איינבינדער" זענען געווען די מיטגלידער פון וואַרשעווער „צוקונפט"־קאָמיטעט, אין דער דירה פון חבר אבראַמעק באַרטענשטיין. דער קאָלפּאָרטאַזש איז געווען אַן עפּאָפּיי אַליין פאַר זיך.

דאָס איז וואָס שייך דער טעכנישער זייט.

פיל שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער איז געווען דאָס צוגרייטן דעם מאַטעריאַל צום דרוק. די אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען דער פירער פון דער אונטערערדישער בונדישער באַוועגונג, דער ליבער, אומפאַרגעסלעכער חבר אַבראַשע בלום.

ער האָט, ווי שטענדיק, גענומען אויף זיך דעם שווערסטן טייל פון דער אַרבעט. פאַר דער ליכטיקער געשטאַלט, וואָס האָט פאַרשפּרייט דערהויבנקייט און יום־טובדיקייט, וואָס האָט אַמשטאַרקסטן אַרויסגעשטראַלט אין די צייטן פון דער שוואַרצסטער גרויזאַמקייט, איז קיין שום אַרבעט נישט געווען צו שווער. מיט זיין ליכטיקן, בויענדיקן אָפּטימיזם, מיט זיין פעלזנפעסטער, אומבויגזאַמער עקשנות פלעגט ער אָנשטעקן זיין נאָענטע און ווייטערע סביבה. זיין פּאָליטישע רוטין, גרויסע מאַרקסיסטישע בילדונג און קריטישער געדאַנק ווירקן אויף חברים און קעגנער. זיין טיף מענטשלעך האַרץ און חברישע זאָרג האָבן געשאַפן אַרום אים די אַטמאָספער פון גרענעצלאָזן צוטרוי, זיכערקייט און גלויבן.

זיין ווערק „די פאַריזער קאָמונע" סימבאָליזירט דעם ווונדערבאַרן סינטעז פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף און טאַט מיט דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע, וואָס איז פאַרקערפערט אין אונדזער באַוועגונג און אין מחבר פון דער דאָזיקער בראָשור — חבר אַבראַשע בלום.

היינט, צום 77טן יאָרטאָג פון דער פאַריזער קאָמונע, גיבן מיר איבער די יידישע לייענער דאָס זאַמל־בוך לזכרון די טויזנטער קעמפער, געפאַלענע אויף די פאָרטן און באַריקאַדן פון דער קאָמונע און די אַלע, וואָס האָבן די רויטע פאָן פון זייער האַנט איבערגענומען און שטאָלץ זי געטראָגן דורך די געטאָ־קאַמפן מיט דער וויזיע פון אַ פרייער, סאָציאַליסטישער וועלט.

מ אַ ר ע ק ע ד ע ל מ אַ ן.

געשיכטע און אפּשאצונגען

דער אַרבעטער - קלאַס האָט נישט פאַרלאַנגט פון דער קאָמונע קיין שום ניסים. ער האָט נישט געוואָלט דורך אַ פאָלקס־אָפּשטימונג איינפירן פאַרטיקע אוטאָפּיעס. דער אַרבעטער־קלאַס שטרעבט צו זיין אייגענער באַפרייונג און צוזאַמען דערמיט שאַפן יענע בעסערע לעבנס־פאָרם, צו וועלכער עס פירט אומפאַרמיידלעך די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון דער איצטיקער געזעלשאַפט. דער אַרבעטער־קלאַס ווייס, אַז ער מוז אַדורכמאַכן לאַנגע קאַמפן, אַ גאַנצע רייע געשיכטלעכע פּראָצעסן, דורך וועלכע די מענטשן און די אומשטענדן וועלן אינגאַנצן אומגעענדערט ווערן. דער אַרבעטער־קלאַס האָט נישט צו פאַרווירקלעכן קיין שום אידעאַל. ער דאַרף נאָר באַפרייען די עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך שוין אַנטוויקלט אין שויס פון דער אונטערגייענדיקער, בורזשואַזער געזעלשאַפט.

דאָס פּאַריז פון די אַרבעטער מיט זיין קאָמונע וועט אייביק געפייערט ווערן אַלס רומפולער אָנזאָגער פון אַ נייער געזעלשאַפט. זיינע מאַרטירער זענען איינגעוואָרצלט אין גרויסן האַרץ פון אַרבעטער־קלאַס.

קאַרל מאַרקס.

(„דער בירגער־קריג אין פראַנקרייך“)

...אַ דאַנק דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון פראַנקרייך פון 1789 יאָר, האָט יעדע רעוואָלוציע, וועלכע פלעגט פאַר די לעצטע 50 יאָר אויסברעכן אין פּאַריז, געמוזט אומבאַדינגט אָננעמען דעם כאַראַקטער פון אַן אויפשטאַנד פונם פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס פלעגט מיט זיין בלוט באַצאָלן פאַרן זיג, טרעט אומפאַרמיידלעך אַרויס מיט זיינע אייגענע פאָדערונגען נאָכן זיג. די דאָזיקע פאָדערונגען פלעגן זיין מער אָדער ווייניקער נישט קלאָר און מטושטשנדיק, אָפּהענגיק פון דער אַנטוויקלונג־שטופע פון די פּאַריזער אַרבעטער, אָבער אין דער לעצטער שורה פלעגן זיי אַלע רעזומירט ווערן אין דער פאַרניכטונג פונם קלאַסן־קעגנזאַץ צווישן די אַרבעטער און די קאַפּיטאַליסטן. ווי אַזוי דאָס דאַרף פאָרקומען, דאָס האָבן זיי נישט געוווּסט. אָבער אין דער פאָדערונג גופא, נישט קוקנדיק אויף איר אומבאַשטימטקייט, איז שוין געווען אַ געפאַר פאַר דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג.

...די לעצטע צייט פאַלט ווידער אַן אויפן דייטשישן פיליסטער אַן אימה פאַר די ווערטער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט”. איז ווילט איר וויסן, ווילט איר הערן, ווי זעט אויס די דאָזיקע דיקטאַטור — גיט אַ קוק אויף דער פּאַריזער קאָמונע, דאָס איז געווען די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט...

פ ר י ד ר י ך ע נ ג ע ל ס.

(צום צוואַנציקסטן יאָרטאָג פון דער פּאַריזער קאָמונע)

אַבראַשע בלום

די פּאַריזער קאָמונע און דער קאַמף פֿאַר פֿרייהייט

דעם 18־מערץ 1941 איז געוואָרן זיבעציק יאָר זייט דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט האָט גענומען אין זיינע הענט די מאַכט און פּראָקלאַמירט די פּאַריזער קאָמונע.

ביי די טויערן פֿון דער שטאָט איז געשטאַנען דער שונא: ביסמאַרק און די פּרייסישע אַרמייען. די פֿראַנצויזישע אַרמיי איז געווען צעקלאַפּט, אָבער דאָס רעוואָלוציאָנערע פֿאָלק פֿון פּאַריז האָט נישט געוואָלט קאַפּיטולירן. נאָך לאַנגע, שווידערלעכע מאָנאַטן פֿון באַלאַגערונג און פֿון הונגער זענען נאָך די פּאַריזער אַרבעטער גרייט געווען ווייטער צו קעמפן פֿאַר דער באַפֿרייונג פֿון לאַנד פֿון דעם דייטשישן אָקופּאַנט. אָבער די אַרבעטער האָבן געוואָלט נאָך עפּעס. זיי האָבן געוואָלט באַפֿרייען די מאַסן פֿון נויט און עקספּלאָאַטאַציע, זיי האָבן געוואָלט זיך באַפֿרייען פֿון די קייטן פֿון קאַפּיטאַליסטישער קנעכטשאַפֿט, זיי האָבן געוואָלט אַ נייע וועלט, אַ גערעכטע, אַ באַפֿרייטע, און זייער ווילן איז געווען באַקרעפֿטיקט דורך מאַכט: די פּאַריזער אַרבעטער זענען געווען באַוואָפֿנט. דער זיג פֿון באַוואָפֿנטן, רעוואָלוציאָנערן פּאַריז איבער דעם דייטשן דעראָבערער וואָלט געווען אָבער אייגנצייטיק דער זיג פֿון פֿראַנצויזישן אַרבעטער איבערן פֿראַנצויזישן קאַפּיטאַליסט. די רעגירונג פֿון נאַציאָנאַלער „פֿאַרטיידיקונג" האָט זיך דעריבער נישט געוואַקלט: די פֿראַגע נאַציאָנאַלע פֿליכט אָדער קלאַסן־אינטערעסן האָט זי באַשלאָסן איינס און צוויי. זי האָט העכער געשטעלט די קלאַסן־אינטערעסן פֿון דער בורזשואַזיע און זיך דערמיט פֿאַרוואַנדלט אין אַ רעגירונג פֿון נאַציאָנאַלן פֿאַראַט. מיט דער ברכה און הילף פֿון דעם נאַציאָנאַלן שונא איז זי אַרויס אין קריג קעגן... פּאַריז. די פּאַראַזיטן, וואָס האָבן זיך באַרייכערט אויפֿן חשבון פֿון דער מלחמה, האָבן זיך געוואָלט פֿאַרזיכערן זייערע אָנגערויבטע מאַיאָנטקעס. פֿאַר דער פֿאַרשפּיל־

טער מלחמה האָט מען געדאַרפט צאָלן און נעמען אויף זיך שווערע לאַסטן: אויפבויען דאָס לאַנד און צאָלן קאָנטריבוציע דעם דייטש. כדי צו קענען ווייטער אַראָפּוואַרפן אַלע מלחמה־שווערקייטן אויף די פּלייצעס פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און שינדן רויק זייער הויט, האָט מען געמוזט דערשטיקן פריער פאַר אַלץ די רעפּובליק, אַנטוואָפענען דעם פּראָלעטאַריאַט, דערטרינקען אין בלוט זיינע „חוצפּהדיקע" און אומפאַרשעמטע פאָדערונגען, ציניש און גע[illegible] האָבן די „נאַציאָנאַלע" מיניסטאָרן אָפּגענאַרט דאָס פאָלק. אין די פּראָקלאַמאַציעס און אַפישן אויף די מויערן פון פּאַריז האָבן זיי געשריבן: פּאַריז וועט קיינמאָל נישט קאַפּיטולירן... דער מיניסטער פאַר אינערלעכע ענינים וועט קיינמאָל נישט אָפּטרעטן דעם שונא קיין שפּאַן ערד, ער וועט נישט אַוועקגעבן קיין איין ציגל פון די באַפעסטיקונגען. — און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אונטערהאַנדלט מיטן שונא און צוגעגרייט די קאַפּיטולאַציע. דאַן האָבן זיי מיט דער הילף פון דייטשן מיליטער גענומען נקמה אויף אַ בלוטיקן, חיהשן אופן אין די פּאַריזער קאָמונאַרן.

זיבעציק יאָר זענען אַדורך, ווידער ווייזט אונדז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג איר צביעותדיקע, בלוטדורשטיקע נשמה. אונדזער דור האָט דורכגעמאַכט די לעצטע יאָרן אַ שענדלעך קאַפּיטל פון קאַפּיטאַליסטישן דינסט דעם גאָלדענעם קאַלב פון עגאָיסטישע קעשענע־אינטערעסן, פאַרן פרייז פון פאַראַט בנוגע אַלע מענטשלעכע אידעאַלן און בנוגע דעם פאַטערלאַנד. די מורא פאַרן אַרבעטער־קלאַס איז געווען ווי אַ רויטע פלאַכטע פאַרן בירגערלעכן אָקס.

מיט די אייגענע הענט האָבן די ענגלישע, אַמעריקאַנישע און פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטן אויפגעשטעלט דעם היטלעריסטישן גולם, געשטיצט די פאַשיסטישע פאַרשווערונג קעגן די אינטערעסן פון די פאָלקסמאַסן אין אייראָפּע און אויף דער גאָרער וועלט. די עסטרייכישע בורזשואַזיע האָט זיך פאַרקויפט דעם איטאַליענישן פאַשיזם און דערטרונקען אין בלוט דעם עסטרייכישן אַרבעטער־קלאַס. מיט האַרמאַטן האָבן די דאָלפוסמערדער צעשאָסן אַרבעטער־קוואַרטאַלן אין ווין, כדי פריי צו מאַכן אַ וועג פאַר דער היטלעריסטישער טעראָר־הערשאַפט איבערן עסטרייכישן פאָלק. די שפּאַנישע „נאַציאָנאַלע" רעגירונג האָט מיט היטלערס און מוסאָליניס הילף חרוב געמאַכט דאָס לאַנד, אַבי צו דערשטיקן די שפּאַנישע רעוואָלוציע. עס איז געבליבן ריין, ווי אַ טויב, דאָס קאַטוילישע געוויסן, ווען

דייטשע ־פליער האָבן באָמבאַרדירט אָפענע שפּאַנישע שטעט, באַשאָסן פון קוילן־וואָרפער שוצלאָזע פליטים־מאַסן אויף זייער טראַגישן וואַנדער־וועג איבער שפּאַנישע שאָסייען. די ענגלישע און פראַנצויזישע מלוכה־מענער האָבן זיך פאַרשטעלט מיט דער מאַסקע פון „נישט־אינטערווענץ" און רו־איק געלאָזן זייער געפערלעכסטן שונא, דעם דייטשן און איטאַליענישן מיליטאַריזם, זאַמלען דערפאַרונג, פּרעסטיזש־דערפּאָלג און סטראַטעגישע פּאָזיציע.

די פוילישע היפּער־נאַציאָנאַלע „אָזאָן"־לייט האָבן יאָרן־לאַנג פּאַק־טירט מיט היטלערן, געהאָלפן אים פאַרשלינגען עסטרייך און טשעכיע, אַפּלאָדירט מוסאָליניען אין אַביסינישן רויב־צוג, אין לאַנד געפּראָוועט אַנ־טיסעמיטישע אָרגיעס, אונטערדריקט די אַרבעטער־מאַסן און פאַרזיכערט אונדז, אַז „מיר וועלן קיין קנעפּל נישט אַוועקגעבן", כדי די ערשטע צו אַנט־לויפן אין די רעגירונגס־אויטאָס קיין רומעניע.

די רומענישע און בולגארישע פאַשיסטישע רעגירונגען האָבן פאַר־קויפט זייער נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט פאַרן פּרייז פון טריי דינען דעם היטלעריסטישן פּריץ. און... די געשיכטע חזרט זיך איבער. ווען דער דייטש איז אין יוני 1940 געשטאַנען ביי די טויערן פון פּאַריז, האָבן די פראַנצויזישע רעאַקציאָנערן, די שטאָלצע „פּאַטריאָטן" פּעטען און ווי־זיי הייסן דאָרט, שענדלעך קאַפּיטולירט פאַרן שונא און אַריינגעלאָזט דעם דייטש קיין פּאַריז, אַבי נישט צו דערלאָזן דעם פראַנצויזישן אַרבעטער קומען צום וואָרט.

די פּאַריזער קאָמונע איז באַזיגט געוואָרן, אָבער אירע טאַטן האָבן געלויכטן אין דער נאַכט פון רעאַקציע און געצונדן מיליאָנען הערצער צום קאַמף פאַר אירע אידעאַלן. איז עס דען אַ וווּנדער? ס'איז גענוג צו פאַרגלייכן די ביידע זייטן פון דער באַריקאַדע. צוואַנציק יאָר האָט גע־הערשט אין פראַנקרייך אַ באַנדע פּאָליטישע און פינאַנסיעלע אַוואַנטו־ריסטן. דער קעניגלעכער הויף פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן איז געווען אַ צענטער פון אויסגעלאַסנקייט, גזלה און שאָוויניסטישע פּאָליטיק. די מלוכה־מענער, די דיפּלאָמאַטן, מיניסטאָרן האָבן זיך פאַרנומען מיט בירזשע־ספּעקולאַציעס; כאַבאַר האָט געעפנט די טירן פון די אַלע קאַנצע־לאַריעס. אויף מלחמה־אַוואַנטורעס און מאַסן־הונגער האָבן ספּעקולאַנטן געמאַכט פאַרמעגנס. די מאָראַל פון די אויבערשטע צען טויזנט איז באַ־שטאַנען אין ליגן, צביעות, חניפה און גראָבן אומפאַרשעמטן עגאָיזם. די

רעגירונג האט געהערשט מיטן כוח פון טעראר. די נויט פון די מאסן איז געוואקסן איינצייטיק מיטן ווקס פון צעהוליעטן לוקסוס־לעבן פון די רייכע שיכטן, וועלכע זענען אפט דערגאנגען צו זייער רייכקייט דורך שווינדל און פארברעכן. פאריז איז געווען א טרעף־פונקט פאר אינטערנאציאנאלע שולערס און ספעקולאנטן, וועלכע האבן צוזאמען מיט זייערע פראנצויזישע חברים זיך בארייכערט אויפן חשבון פון די מאסן. איז דען א וואונדער, אז דאס דאזיקע פאריז פון „גאלדענע לײדיקגייער” האט זיך מחיה געווען מיט דער בלוט־באד איבער די פאריזער קאמונארן, אז זיי האבן געקוקט אויף די פאריזער קאמפן דורך פעלד־לארנעטעס ווי להבדיל אויף א סצענע אין טעאטער. די צווייטע זייט פון דער באריקאדע — די קאמונארן. מיר ווייסן וואס זיי האבן געוואלט: יושר און ליקווידאציע פון נויט. זיי האבן געוואלט איינארדנען א לעבן פון ארבעט, ערלעכע ארבעט, פאר אלעמען גלייך. זיי האבן נישט געוואלט טאלערירן דעם ווילקיר פון מיליטער, פאליציי און פארקויפטע באאמטע. זיי האבן נישט געמאכט קיין חילוק צווישן פראנצויז און דייטש. ווען דייטשלאנד האט אנעקסירט די פראנצויזישע פראווינצן, האבן זיי אוועקגעשטעלט א דייטש בראש פון דער קאמונע. זיי זענען געווען מענטשלעך, זיי האבן געשעצט מענטשלעך לעבן, אפילו דאס לעבן פון שונא. מארקס שרייבט: „די קאמונע האט ווי א וואונדער געענדערט פאריז. אין משך פון דער פאליציי איז נישט געלעגן קיין איין הרוג, עס איז נישט געווען קיין איין נאכט־רויב, עס איז כמעט ווי נישט געווען קיין פאל פון גנבה. צום ערשטן מאל זינט 1848 זענען די גאסן פון פאריז געווען נישט געפערלעך, כאטש עס איז אויף זיי נישט געווען קיין איין פאליציאנט. מען הערט נישט מער וועגן מערדערייען, רויב־אנפאלן און געשלעגן. די פאליציי, האט ווי עס זעט אויס, מיטגעשלעפט מיט זיך קיין ווערסאל אירע פריינד. די גאסן־פרויען זענען אוועק צוזאמען מיט זייערע באשיצער. אויף דער סצענע זענען ארויס די אמתע פאריזערינס, העלדישע, גרויסמוטיקע, גרייט אויף קרבנות. דאס ארבעטנדיקע פאריז, דאס דענקנדיקע קעמפערישע פאריז, אויסגייענדיק אין בלוט אבער שיינענדיק אין באגייסטערטן באוווסטזיין פון היסטארישער איניציאטיוו, דאס דאזיקע פאריז האט כמעט פארגעסן אין די מענטשן־פרעסער, וועלכע זענען געשטאנען ביי זיינע טויערן. דאס דאזיקע פאריז האט זיך אינגאנצן איבערגעגעבן דער ארבעט פון „פארלייגן יסודות פון א נייער געזעלשאפט”. די קאמונארן האבן פארברענט די גילאטינע,

זיי האָבן צעשטערט די דענקמעלער פון פראַנצויזישע נצחונות, ווייל דאָס זענען געווען סימבאָלן פון גוואַלט, שאָוויניזם און פעלקער־האַס. אָבער דערפאַר איז די פראַנצויזישע בורזשואַזיע געווען אַכזריותדיק, בלוט־דור־שטיק און ברוטאַל."

נאָכן פאַלן פון דער קאָמונע האָט זי געמאַכט אַ שוידערלעכע בלוט־באָד. אַ סך דערשאָסענע קאָמונאַרן זענען באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקער־הייט. די נעכט זענען געווען פול מיט קרעכצן. אינדערפרי האָבן דורכגייער געזען צונויפגעדריקטע פויסטן אַרויסשטאַרצנדיק פון דער ערד. פאַר־וווּנדעטע זענען אַרויסגעגאַנגען אויף די גאַסן. גאַנצע מחנות מענער און פרויען האָט מען געפירט צום דערשיסן.

אין דער זעלבער צייט האָבן די רייכע פאַרפולט די קאַוויאַרניעס, געשיכורט און געשפּילט אין קאַרטן. הערווע, אַ רעאַקציאָנערער זשורנאַ־ליסט האָט עס געהאַלטן שוין פאַר צופיל. ער האָט אָפּגעדרוקט פאָלגנדיקע ציטאַט פון רוימישן שרייבער טאַציט: „און אַט אויף צומאָרגנס נאָכן שרעקלעכן קאַמף און נאָך איידער ער איז געוואָרן פאַרענדיקט, איז רוים, דאָס דערנידריקטע און צעלאָזענע רוים, ווידער פאַרזונקען אין דער בלאָטע פון פאַרגעניגנס, וועלכע האָבן צעשטערט זיין קערפּער און פאַר־שמוצט זיין גייסט". נישט געקוקט אויף דעם טעראָר, אויף דער שוידער־לעכער, סאַדיסטישער נקמה, האָט דאָס פאַריזער פאָלק — מענער, פרוי־ען און קינדער — געקעמפט נאָך אַ גאַנצע וואָך נאָך דעם, ווי דאָס ווער־סאַלער מיליטער האָט זיך אַריינגעריסן אין פאַריז. מיט אַ וווּנדערבאַ־רער העלדישקייט האָבן די קאָמונאַרן געקעמפט אויף זייערע באַריקאַדן, אין די הייזער, אויף די גאַסן, פאַרטיידיקנדיק יעדן שטיין פון ברוק, יעדן ראָג פון גאַס.

אַט דער קאָנטראַסט צווישן ווערסאַל און פאַריז, צווישן צעפוילטער קאַפּיטאַליסטישער מאָראַל און אויפגייענדיקער פּראָלעטאַרישער מענטש־לעכקייט, דער ציניזם פון דער בורזשואַזיע און די העלדישקייט פון די קאָמונאַרן — דאָס איז דער סוד פון דעם אָרעאָל, פון דער לעגענדע פון דער פאַריזער קאָמונע.

די זיבעציק יאָר, וואָס זענען פאַרביי, האָבן טויזנטפאַכיק באַשטע־טיקט די לערעס פון דער קאָמונע. די אימפּעריאַליסטישע מלחמות, דער ליגן פון דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע, דאָס פּוילענישׂ, חיהשע ברו־טאַלקייט און געמיינע אַכזריות פון פאַשיזם זענען געזעצלעכע קינדער

פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג פון רויב און מאָרד. כל זמן עס הערשט דער קאַפּיטאַליזם מוז פלאַקערן דער בונט קעגן אים, די שנאה צו אים, דער קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם.

די פאַריזער קאָמונע איז געווען דער מאָרגנרויט פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, איז געווען דער ערשטער פּרווו פון פּראָלעטאַריאַט צו נעמען זיין גורל אין זיינע אייגענע הענט. שפּעטער זענען די פּראָלעטאַרישע מאַסן ווייט אַוועק אויף זייער וועג פון קאַמף, עס צייכענען דעם וועג רעוואָלוציעס, סיביר, קאַטאָרגע און תפיסות, הערלעכע העלדישקייט און התלהבות — און דאָך לויכט ביז היינט צו טאָג דער פאַקל, וואָס איז אָנגעצונדן גע־וואָרן מיט 70 יאָר צוריק דורך דעם רעוואָלוציאָנערן פאַריזער פאָלק, וואַ־רעמט אונדז, גיט אונדז צו מוט און באַגייסטערונג. זיין אָפּגלאַנץ האָבן מיר געפילט אין די העלדישע קאַמפן פון ווינער „שוץ־בונד” און פון דער שפּאַ־נישער רעוואָלוציע. זיינע פונקען טראָגן היינט אין זייערע הערצער מיל־יאָנען סאָציאַליסטן פון אייראָפּע, אין העלדישן קאַמף קעגן פאַשיסטי־שער באַרבאַריי.

די געשיכטע פֿון דער פּאַריזער קאָמונע

אין דעם יאָר 1941, אין איינעם פֿון די בלוטיקסטע יאָרן אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, קומט אויס דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס צו פֿייערן דעם זיבעציקסטן יובֿל פֿון דער פּאַריזער קאָמונע — דעם יובֿל פֿון דער ערשטער רעוואָלוציע, דורכגעפֿירט דורכן פּראָלעטאַריאַט, פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט.

אין יולי 1870 איז אויסגעבראָכן די פּרייסיש־פֿראַנצויזישע מלחמה. די דאָזיקע מלחמה איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך דעם פֿאַרפֿוילטן רעזשים פֿון לואי באָנאַפּאַרט (נאַפּאָלעאָן דער דריטער), וועלכער האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן פֿראַנצויזישן טראָן דורך ברעכן זיין שבֿועה, אַז ער וועט איינהאַלטן די דעמאָקראַטישע דעראָבערונגען פֿון פֿאָלק. ער האָט געמאַכט אַ פּאַושווערונג קעגן דער צווייטער פֿראַנצויזישער רעפּובליק, וועלכע איז אַנטשטאַנען נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1848. די דייטש־פֿראַנצויזישע מלחמה האָט געזאָלט פֿאַרשטאַרקן אין פֿראַנצויזישן פֿאָלק די נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע שטימונגען און דערטרינקען אין מלחמה־גערויש די קאַמפֿענערגיע פֿון יונגן פּראָלעטאַריאַט. די מלחמה האָט געדאַרפֿט ראַטעווען דעם קאָרומפּירטן רעזשים פֿון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן פֿון אונטערגאַנג.

די פּאַריזער אַרבעטער פּרוּוון שטערן דעם פֿאַרברעכערישן מלחמה־גערויש, פּרוּוון פֿאַרצוימען דעם וועג די שמוציקע שטראָמען פֿון דער שאָוויניסטישער שיכרות. איבער די גאַסן פֿון פּאַריז זינגט מען:

אַלע פֿעלקער זענען ברידער,
אַלע טיראַנען — אונדזערע פֿיינט.

די פֿראַנצויזישע אַרבעטער ווענדן זיך צו די אַרבעטער פֿון דייטשלאַנד מיט אַ פּראָטעסט קעגן דער מלחמה, פֿאַר שלום, אַרבעט און פֿרייהייט און די בערלינער אַרבעטער ענטפֿערן זיי מיט דעם זעלבן.

דעם 19־טן יולי 1870 איז אויסגעבראָכן די מלחמה. שוין דעם 2־טן סעפּטעמבער דעם זעלבן יאָר האָט דער קיסר צוזאַמען מיט זיין גאַנצער אַרמיי קאַפּיטולירט פאַר דער איבערמאַכט פון דייטש־ביסמאַרקישן מי־ליטער. די ידיעה וועגן דער קאַפּיטולאַציע האָט ווי אַ דונער אַריינגע־שלאָגן אין פּאַריז און דאָס פּאַריזער פאָלק פאָדערט דאַן די אַבדיקאַציע פון קיסר, דאָס פּראָקלאַמירן פראַנקרייך אַלס רעפּובליק און שאַפט אַ רע־גירונג פון פאַרטיידיקונג. די „אָפּאָזיציאָנעלע" בורזשואַזיע אין פראַנקרייך זעט אָבער אין די פאַרלאַנגען פון פאָלק אַ סימן פון מרידה קעגן די ביז דאַן הערשנדיקע מאַכט־פאַרהעלטנישן בכלל און אַ געפאַר פאַר זייערע פּריווילעגיעס אַלס הערשנדיקער קלאַס אין דער געזעלשאַפט. נאָר אונטער דעם שטאַרקן דרוק פון די רעוואָלטירנדיקע פאָלקס־מאַסן ווערט דעם 4־טן סעפּטעמבער פּראָקלאַמירט די רעפּובליק אין פראַנקרייך. אין איר שפּיץ שטעלט זיך אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון פאַרטיידיקונג אונטער דער אָנפירונג פון דעם לידער פון דער בורזשואַזער אָפּאָזיציע. די דאָזיקע רעגירונג ווערט געשילדערט דורך מאַרקסן און ענגעלסן, אַז „אייניקע פון אירע ערשטע האַנדלונגען באַווייזן דייטלעך דערויף, אַז צוזאַמען מיט אַ הויפן צעבראָכענע שאַרבנס פון דער פריערדיקער מלוכה, האָט זי אויך געירשנט פון קייזער־רייך זיין מורא פאַרן אַרבעטער־קלאַס". אין איר גאַנ־צער טעטיקייט אַלס רעגירונג פון פאַרטיידיקן דאָס לאַנד קעגן שונא, ווע־מענס אַפּעטיטן ס'זענען געוואַקסן, צוזאַמען מיט דעם שונאס נצחונות אויף די פראָנטן, האָט זי מער אין זין געהאַט דאָס פאַרטיידיקן די הערשנדיקע אָרדנונג און די פּריווילעגירטע לאַגע אין איר. „אויב צו פאַרטיידיקן זיך מוז מען באַוואָפנען דעם אַרבעטער־קלאַס, וועלן מיר זיך גלייכער נישט שלאָגן." — האָט געזאָגט די פּאַריזער בורזשואַזיע.

במשך פון 6 מאָנאַטן האָט זיך אין פראַנקרייך געפירט דער געראַנגל פאַר פאַרטיידיקן די גרענעצן פון לאַנד קעגן אָנגרייפער. דער קאַמף האָט געמוזט געפירט ווערן נישט בלויז אויף די שלאַכט־פעלדער מיטן שונא, נאָר אויך דורך דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס קעגן דער פאַרע־טערישער „פאַרטיידיקונגס"־רעגירונג. דער ציל פון דער רעגירונג איז געווען נישט פאַרטיידיקן זיך, נאָר אונטערגעבן זיך, נישט אָרגאַניזירן און באַוואָפנען דאָס פאָלק, נאָר אים אָפּשוואַכן און דעמאָראַליזירן. עס האָט נישט געהאָלפן דער קרבנות־פולער קאַמף פון די פראַנצויזישע און ספּעציעל פון די פּאַריזער פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן געקעמפט אין

די רייען פון זייער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע — די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע.
דעם 28־טן יאַנואַר 1871 קאַפּיטולירט פּאַריז.

עס האָט קאַפּיטולירט די פאַרעטערישע רעגירונג פון „נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג״ — עס האָט אָבער נישט קאַפּיטולירט דאָס ברויזנדיקע פּאַריז. אין פּאַריז האָט זיך דאַן געפינען אַן אַרמיי פון 300 טויזנט גוט באַוואָפנטע נאַציאָנאַל־גוואַרדייער. דאָס אויסגעמאַטערטע, דורך 5 חדשימ־דיקער באַלאַגערונג, פּאַריזער פאָלק, האָט זיך ווייטער געוואָלט שלאָגן פאַר דעם כבוד פון פראַנקרייך און פאַרטרייבן דעם שונא, כדי איינצושטעלן אין לאַנד די פרייע רעפּובליק. די פּאַריזער דעפּוטאַטן צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט געדאַרפט באַשליסן די פראַגע מלחמה אָדער שלום, האָבן געשטימט קעגן אָננעמען די שענדלעכע שלום־באַדינגונגען פון ביסמאַרקן.

די פּאַריזער אַרבעטער האָבן ביי זייער גאַנצן קאַמף פאַרן פאַרטיי־דיקן די גרענעצן פון לאַנד נישט פאַרגעסן וועגן זייער אינטערנאַציאָנאַ־ליזם. איין אַרבעטער־גרופּע אין פּאַריז האָט אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדי־דאַט אויף דעפּוטאַט צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג דעם דייטשן סאָ־ציאַליסט ווילהעלם ליבקנעכט.

אין דעם קאַפּיטולאַציע־אָפּמאַך, וועלכער איז געשלאָסן געוואָרן צווישן ביסמאַרקן און דעם פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער רעגירונג ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט דאָס רעכט איינצו־האַלטן ביי זיך איר געווער, וועלכעס איז איינגעשאַפט געוואָרן דורך איי־גענע מיטלען.

די בורזשואַזיע פון פראַנקרייך האָט אָבער מורא פאַרן באַוואָפנטן אַר־בעטער־קלאַס פון פּאַריז און דעם 18־טן מערץ, ווען דער שונא שטייט ביי די טויערן פון דער שטאָט, וויל זי אונטערן שוץ פון דער פינצטערער נאַכט צוגנבנען ביי דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אירע האַרמאַטן. דער דאָ־זיקער פאַקט וועקט אויף דעם אַרבעטער־קלאַס צום קאַמף. עס גיט זיך אים איין, אַ דאַנק זיין העראָיזם, צו פאַריאָגן זיינע אונטערדריקער פון פּאַריז און איבערנעמען די מאַכט אין דער שטאָט.

דעם 26־טן מערץ גיט איבער דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע די מאַכט פון דער שטאָט דער, דורך דער גאַנצער באַ־פעלקערונג געוויילטער, קאָמונע (שטאָט־פאַרוואַלטונג).

דער ערשטער דעקרעט פון דער פּאַריזער קאָמונע האָט אָפּגעשאַפט



די פּראָקלאַמירונג פון דער קאָמונע

דאָס שטענדיקע מיליטער, וואָס איז געווען פאַרהאַסט ביי די פאָלקס־מאַסן. די קאָמונע נעמט צו ביי דער פּאָליציי אירע פּאָליטישע פונקציעס און פאַרוואַנדלט זי אין אַן אָרגאַן, וואָס איז איר אונטערגעוואָרפן. נאָכן צעברעכן דעם מאַטעריעלן הערשאַפט־אַפּאַראַט ווערן געעפנט פאַרן פאָלק אַלע שולן און לערן־אַנשטאַלטן, פריי פון יעדן אָפּצאָל. ס׳ווערט צוגענומען ביי דער קירכע דאָס רעכט זיך צו מישן אין דער דערציונג פון פאָלק. די הערשאַפט פון דער מלוכהשער ביוראָקראַטיע ווערט דורך דער קאָמונע אויסגעראָטן אַ דאַנק דעם, וואָס אַלע באַאַמטע, אַפילו ריכטער ווערן געווילט און קאָנען צו יעדער צייט אָפּגערופן ווערן דורכן פאָלק פון זייערע אַמטן. עס ווערט איינגעשטעלט אַ מאַקסימום־לוין אין דער הויך פון 6 טויזנט פראַנק אַ יאָר. דעם 16־טן אַפּריל דערשיינט אַ פאַראָרדנונג פון דער קאָמונע צוצונעמען אַלע פאַבריקן און וואַרשטאַטן פון די בעלי־בתים, וועלכע זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיט דער רעגירונג קיין ווערסאַל. די אונטערנעמונגען האָט מען געזאָלט אָוועקגעבן אין די הענט פון אַרבעטער־געזעלשאַפטן, ס׳ווערט אָפּגעשאַפט נאַכט־אַרבעט פון בעקער. דעם

16טן מאַי האָט דאָס פּאַריזער פֿאָלק, לויט אַ באַשלוס פֿון דער קאָמונע, צעשטערט דעם דענקמאָל, וועלכער איז געשטאַנען אויפֿן פּלאַץ וואַנדאָם אויסגעגאָסן פֿון די האַרמאַטן, וועלכע נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט דער־אָבערט אין זיינע מלחמות און האָט סימבאָליזירט שאָוויניזם און פֿעל־קער־האַס.

אין די אַרבעטן און קאַמפֿן פֿון דער פּאַריזער קאָמונע נעמען אָנטייל אַלע די, וועלכע האָבן ליב די פֿרייהייט און זענען גרייט אָוועקצוגעבן זייער לעבן פֿאַר דער באַפֿרייונג פֿון אַרבעטנדיקן פֿאָלק. די אַלע, וועלכע זענען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון זייערע לענדער, צוליב זייער קאַמף פֿאַר די אינ־טערעסן פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, האָבן זיך געפֿונען אין די ערשטע רייען פֿון די קעמפֿנדיקע קאָמונאַרן: די פּוילישע פֿרייהייטס־קעמפֿער דאָמבראָווסקי און ווּרובלעווסקי, דער אונגאַר לעאָ פֿרענקעל און פֿיל אַנדערע.

די פּאַריזער קאָמונע איז געווען אַ רעגירונג פֿון אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פֿון קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט קעגן זיינע עקספּלאָאַטאַטאָרן — דער בורזשואַזיע.

וועגן דעם האָט זיך אָבער אויך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון די בורזשו־אַזיע פֿון פֿראַנקרייך און איר פֿאַרעטערישע רעגירונג. אַנטלויפֿנדיק קיין ווערסאַל אונטער פּאַריז, האָט זי פֿון דאָרט געשפּינט איר נעץ אַרום דער שטאָט פֿון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט.

די הערן פֿון דער פֿראַנצויזישער „פֿאַרטיידיקונגס"־רעגירונג שעמען זיך נישט צו ווענדן צו ביסמאַרקן, ער זאָל אַריין אין פּאַריז און מאַכן דאָרט אָרדנונג: ווען ער זאָגט זיך אָפּ דערפֿון, פֿועלן זיי ביי אים, ער זאָל באַפֿרייען אַ טייל פֿון די געפֿאַנגענע פֿראַנצויזישע זעלנער, וועלכע ווערן באַנוצט אין קאַמף קעגן רעוואָלוציאָנערן פּאַריז. פּאַריז איז געווען אָפּגעשניטן פֿון דער פּראָווינץ, דאָס אָפּגעשטאַנענע דאָרף איז געווען קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט פֿון דער הויפּט־שטאָט. די העראָישע פּרוּוון פֿון פּראָ־לעטאַריאַט אין די געציילטע צענטרן פֿון פֿראַנקרייך, אויפֿצוהייבן זיך קעגן דער רעגירונג פֿון ווערסאַל, האָבן געליטן מפּלות.

די ווערסאַלער רעגירונג האָט אָנגעוואָנדן די העסלעכסטע מיטלען, כּדי צו באַשמוצן די פּאַריזער קאָמונע, אָנווענדנדיק דערביי דעם שווידער־לעכסטן טעראָר לגבי די פֿריינד פֿון דער קאָמונע, וועלכע זענען אַריינגע־פֿאַלן אין אירע הענט. אַלע געפֿאַנגענע קאָמונאַרן זענען דערשאָסן געוואָרן.

דעריבער האָט דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט נישט באַפלעקט זיין מאַכט מיט אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט. ערשט נאָך דעם, ווי אין ווערסאַל זענען דער־שאָסן געוואָרן די געפאַנגענע קאָמונאַרן, האָט מען אַרעסטירט אין פּאַריז אַלס זאַקלאַדניקעס די אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון דער קאָמונע און אָפענע אַגענטן פון דער ווערסאַלער רעגירונג. זיי האָבן זיך געפונען אונטער דער שוץ פון דער קאָמונע ביז די לעצטע טעג פון איר עקזיסטענץ.

די פּאַריזער קאָמונע איז געווען באַהויכט מיט די שענסטע אידעאַלן פון מענטשלעכקייט און יושר.

די ווערסאַלער רעגירונג האָט אויסגענוצט די איזאָלאַציע פון דער פּאַריזער קאָמונע און איר אינערלעכע שוואַכקייט צוליב דער לאַנגער באַלאַגערונג און פעלן פון אָרגאַניזאַציע, און נאָך אַ פריערדיקער צוגרייטונג האָט זי אָנגעהויבן דעם אָנגריף אויף דער שטאָט. דעם 21־טן מאַי 1871 איז דעם מיליטער פון ווערסאַל געלונגען אַריינצורייסן זיך אין דער שטאָט און ביזן 28־טן דעם זעלבן חודש האָבן געדויערט די גאַסן־קאַמפן צווישן ווילדן, אַכזריותדיקן ווערסאַלער מיליטער און דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. די גאַסן פון פּאַריז זענען באַדעקט געוואָרן מיט טויטע קערפּערס פון די פּראָלעטאַרישע קעמפער, וועלכע זענען געפאַלן אין אומגלייכן קאַמף, צווישן זיי אָן אַ שיעור פרויען און קינדער. די ווערסאַלער מערדער האָבן אַרויסגעוויזן די העכסטע מאָס פון בעסטיאַלישקייט לגבי די גענומענע געפאַנגענע. די סען איז רויט געוואָרן פון דעם פאַרגאָסענעם בלוט. די באַנדעס פון דער „פראַנצויזישער" רעגירונג האָבן זיך אַריינגעריסן אין די הייזער פון דער פּאַריזער באַפעלקערונג און דאָרט אַלץ אויסגערויבט, אויסמאָרדנדיק אויף אַ חיהשן אופן די איינוווינער.

די פּאַריזער קאָמונאַרן האָבן ביזן לעצטן געקעמפט אויף די באַריקאַדן, וועלכע זענען דאַן ערשט גענומען געוואָרן, ווען ס'האָבן זיך שוין אויף זיי נישט געפונען קיין פאַרטיידיקער. אַפילו קינדער פון 14 יאָר האָבן אַרויסגעוויזן גרויס מוט און העלדישקייט. די געפאַלענע העלדן זענען געשטאָרבן מיט די אויסרופן: „זאָל לעבן די קאָמונע, זאָל לעבן די רעפּובליק, זאָל לעבן די מענטשהייט!" מיט דעם זעלבן מוט, ווי זיי האָבן געקעמפט מיט געווער אין האַנט קעגן זייערע באַצווינגער, האָבן זיי אויך אויפגענומען דעם טויט, ווען זיי זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון קלאַסן־שונא אַלס געפאַנגענע. אויף די שלאַכט־פעלדער (אויסער די געפאַנגענע

האָבן די פּאַריזער פּאַרלוירן דריי טויזנט מענטשן, צווישן זיי אויך מיט־גלידער פון דער קאָמונע און אָנפירער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

מיטן בעסטיאַלישן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד פון פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אָבער די פראַנצויזישע בורזשואַזיע נישט באַפרידיקט. כדי צו שטילן איר נקמה־דורשט האָבן נאָך געמוזט אָפּפליסן ימען פון בלוט. אָן שום געריכט, בלויז אויפן סמך פון איינזען פון די מערדער זענען געשאָסן געוואָרן טויזנטער מענער, פרויען און קינדער. עס זענען געפאַלן פרויען מיט זויג־קינדער אויף די הענט.

עס האָט געשריבן בשעתו אַ מעסיקער ליבעראַל, אַז „מען מוז צוריקגיין צו די פּראָסקריפּציע־ליסטעס (טויט־ליסטעס) פון די טיראַנען אין אַלטערטום, כדי צו געפינען ענלעכע מאָרדן אין דער געשיכטע פון די ציוויליזירטע פעלקער. די רעליגיעזע מלחמות, די באַרטאָלאָמיי־נאַכט, די עפּאָכע פון טעראָר (אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע) זענען געווען אַ קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט דעם.” אין דער לעצטער וואָך פון מאַי האָט מען געפונען 17.000 טויטע קערפּער פון די



די לעצטע באַריקאַדע, וואָס איז געפאַלן דעם 28־טן מאַי 1871

רעוואָלוציאָנערן... און געמאָרדעט האָט מען אַפילו נאָכן 15טן יוני... דעם 26טן מאַי זענען געפאַלן די לעצטע פאַרטיידיקער פון פּאַריז. די פראַנצויזי־שע בורזשואַזיע האָט אָבער נאָך במשך פון 4 יאָר נאָך דעם פאַלן פון דער קאָמונע געפירט איר בלוטיקע נקמה־אַרבעט קעגן די קאָמונאַרן און דעם אַרבעטער־קלאַס. עס איז אָבער נישט געלונגען דער בורזשואַזיע פון פראַנקרייך אָפּצושטעלן די אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט אין איר גאַנג פאָרויס. דער אַרבעטער־קלאַס איז געוואַקסן, צוזאַמען מיט אים איז אויך געוואַקסן דער קלאַסן־באַוווסטזיין און כוח, און שוין אין יאָר 1879 הויבט ער אָן צוריק אויפצובויען זיינע קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס.

יעדעס יאָר פלעגט דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט דערפילן זיין חוב לגבי זיינע העלדישע פאָרקעמפער און טראָגן זיינע קאַמף־פענער צו דער וואַנט אויפן בית־עולם אויף פּערלאַשעז, ביי וועלכער עס זענען געפאַלן טויזנטער קאָמונאַרן.

אויפן אָרט פון די געפאַלענע טויזנטער זענען געקומען הונדערטער טויזנטער און געשוווירן צו פירן ווייטער דעם זעלבן קאַמף ביזן ענדגילטיקן זיג.

אין היינטיקן יאָר צום 70־טן יאָרטאָג פון דעם אַנטשטיין פון דער פּאַריזער קאָמונע וועט דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט נישט קאָנען פריי צוטראָגן זיינע פענער צו די קברים פון די געפאַלענע קאָמונאַרן. איבער די פּאַריזער גאַסן קלאַפּן איצט די שטיוול פון בלוטיקן אָקופּאַנט. איבער פּאַריז הענגען היינט די האַקן־קרייץ־פענער, וועלכע סימבאָליזירן די שוי־דערלעכסטע הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש, פאָלק איבער פאָלק און קלאַס איבער קלאַס.

אָבער אַזוי ווי די טייכן בלוט, וועלכע ס׳האָבן פאַרגאָסן די מערדער פון ווערסאַל, האָבן נישט געקאָנט דערטרינקען אויף לאַנג דעם דראַנג פון אַרבעטער־קלאַס צו זיין באַפרייונג, נאָר זענען געוואָרן אַ קוואַל פון וועלכן דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט שעפּט נאָך ביזן היינטיקן טאָג באַגייסטערונג פאַר זיין ווייטערדיקן קאַמף, אַזוי אויך וועט איצט נישט געלונגען אָפּצושטופּן אויף לאַנג דעם ענדגילטיקן זיג פון דער פאָרויסגייענדיקער מענטשהייט.

אין דער פינצטערער בלוטיקער נאַכט לייכט אונדז אַרײַן דאָס העל־לישע פייער פון דעם העראָישן קאַמף פון פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט מיט 70 יאָר צוריק — דער אָנדענק פון דער פּאַריזער קאָמונע.

די קאָמונע און דער אַרבעטער־קלאַס

אין זיין ווערק מאַכט קאַוטסקי אַן אינטערעסאַנטן אַנאַליז פון דער קאָמונע, פון די אויסערלעכע און אינערלעכע סיבות, וועלכע האָבן גורם געווען דאָס פאַלן פון דער קאָמונע נאָך 72 טעג עקזיסטענץ. ער פירט אויך דורך אייניקע פאַרגלייכן מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וועלכע מאַכן נאָך בולטער די אומשטענדן, ביי וועלכע עס איז אויסגעקומען דער קאָמונע צו קעמפן.

סיי די קאָמונע, סיי די אָקטאָבער־רעוואָלוציע זענען אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון פאַרשפּילטע מלחמות. די באָלשעװיקעס האָבן דעראָבערט די מאַכט, ווייל זיי האָבן אויפגעשריבן אויף זייערע פענער דעם לאָזונג: שלום, ערד און ברויט. זיי האָבן געוואונען דערמיט די מיליאָניקע פּויערים־מאַסן פון לאַנד. ווען קערענסקי איז אַנטלאָפן מיט זיין רעגירונג פון פּע־טערבורג, האָט ער נישט געקענט רעכענען אויפן פּויערטום, אויף דער פּראָווינץ. דאָס פּויערטום און במילא אויך די אַרמיי זענען געווען אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן באַהערשט די הויפּט־שטאָט.

גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע אין פראַנקרייך אין 1871. עס איז געווען אַ טיפע שפּאַלטונג צווישן די שטימונגען פון דעם פּראָלעטאַ־ריאַט און ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער פון איין זייט און דעם פּויערטום פון דער צווייטער זייט — צווישן פּאַריז און דער פּראָווינץ. די ערד האָבן די פּויערים באַקומען אין 1789. זיי האָבן געוואָלט שלום פאַר יעדן פּרייז, אַפילו פאַרן פּרייז פון אָוועקגעבן עלזאַס־לאָטרינגען דעם דייטש. דאַקעגן דאָס פּראָלעטאַרישע פּאַריז איז געווען קריגעריש געשטימט, עס האָט געוואָלט פאָרטזעצן דעם קריג, כדי צו ראַטעווען די רעפּובליק. די מאַנאַרכיסטן, וועלכן האָבן געוואָלט דערטרינקען אין בלוט סיי די רעפּו־

בליק, סיי דעם פּראָלעטאַריאַט, האָבן אויסגענוצט די שלום־שטימונג פון פויערטום, כדי צו פאַקטירן מיטן שונא און מאָביליזירן די פּראָווינץ קעגן פּאַריז. דעם 8־טן פעברואַר 1871 איז אויסגעווײלט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, כדי צו באַשליסן וועגן שלום. מיט 516 שטימען קעגן 107 האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אָנגענומען דעם שלום־אָפּמאַך. אַ העלפט פון די 107 שלום־קעגנער זענען געווען דעפּוטאַטן פון פּאַריז. פון די איבער 600 דעפּוטאַטן זענען 400 געווען מאָנאַרכיסטן. דאָס הייסט נישט, אַז די ברייטע פויערים־מאַסן אין לאַנד זענען געווען מאָנאַרכיסטן, זיי האָבן בלויז געוואָלט שלום פאַר יעדן פּרייז. דער בעסטער סימן — בשעת די קאָמונאַלע וואַלן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין פראַנקרייך דעם 30־טן אַפּריל 1871 זענען אין גאַנצן לאַנד אויסגעווײלט געוואָרן רעפּובליקאַנישע מערהייטן. דערייבער האָט נישט געהאָלפן טיערס בלוט־באָד איבער דער קאָמונע. פראַנקרייך אין געבליבן רעפּובליקאַניש.

די באָלשעוויקעס זענען געקומען צו דער מאַכט אַ דאַנק אַ מלוכה־איבערקערעניש, וועלכע איז געוואָרן גוט צוגעגרייט. אַ דאַנק דעם האָבן די באָלשעוויקעס מיט איין קלאַפּ באַקומען אין זייער האַנט אַריין דעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט.

דער אויפשטאַנד פון 18־טן מערץ 1871 איז דאַקעגן געווען אַן אי־בעראַשונג פאַר די רעוואָלוציאָנערן, האָט זיי געטראָפן נישט צוגעגרייט. דעם 31 אָקטאָבער און אַפילו דעם 22 יאַנואַר זענען פאָרגעקומען אין פּאַריז צוויי פּרוּוון פון אויפשטאַנד אונטער דער לאָזונג: וואַלן פון אַ שטאָטישער קאָמונע, ענערגישע מלחמה־פירונג. ביידע פּרוּוון זענען נישט געלונגען. דעם 6־טן סעפּטעמבער 1870 (צוויי טעג נאָכן פּראָקלאַמירן די רעפּובליק אין פראַנקרייך) שרייבט מאַרקס צו ענגעלסן, אַז ער האַלט פאַר אַ נאַרישקייט די פּלענער פון די היץ־קעפּ צו מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. ענגעלס ענטפערט אים אויף דעם בריוו, אַז ער איז אין דער מיינונג, אַז מ׳דאַרף אויסנוצן די פרייהייט, וואָס עס גיט די רעפּובליק, כדי צו אָרגאַניזירן אין פראַנקרייך די פּאַרטיי. אין דעם זין האָבן געפירט זייער אַרבעט די מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל. דעם אויפשטאַנד פון 18־טן מערץ האָט פּראָוואָצירט די פראַנצויזישע רעאַקציע מיט טיערן בראש. דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט איז געווען באַוואָפנט. דאָס איז געווען אַ דאָרן אין אויג פון די מאָנאַרכיסטן און רעאַקציאָנערן. זיי האָבן געוואָלט צונעמען די האַרמאַטן ביים פּאַריזער פּראָ־

לעטאַריאַט, דאַן ווען דער שונא איז נאָך געשטאַנען ביי פאַריז. אַלס ענטפער אויף דער נבלה איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד. די זעלנער, וואָס טיער האָט געשיקט צונעמען די האַרמאַטן האָבן זיך פאַרברודערט מיט די פאַריזער אַרבעטער און זיי האָבן דערשאָסן דעם גענעראַל, וואָס האָט זיי געהייסן שיסן אויף די אַרבעטער, פרויען און קינדער. דאַן איז טיער און זיין רעגירונג אַנטלאָפן פון פאַריז קיין ווערסאַל, וווּ ער האָט גענומען אָרגאַניזירן די מלחמה קעגן פאַריז. ער האָט נישט געוואָלט קיין אונטערהאַנדלונגען, ווייל זיין ציל איז געווען: פראָוואָצירן דאָס רעפובליקאַנישע פאַריז צו אַ בלוט־באָד.

וואָס טוען די רעוואָלוציאָנערן? זיי פאַרפאָלגן נישט דעם שונא, זיי לאָזן אים צייט זיך צו אָרגאַניזירן, צו פאַרשטאַרקן זיין אַרמיי. ווען זיי וואָלטן אים גלייך נאָכגעיאָגט, וואָלטן זיי אים וואַרשיינלעך צעקלאַפט. דאַן וואָלטן זיי געקענט שאַפן אַ נייע רעגירונג, וועלכע וואָלט נאָך נישט געקאָנט איינפירן דעם סאָציאַליזם, ווייל עס זענען נאָך נישט געווען רייף די באַדינגונגען, אָבער זי וואָלט געקאָנט באַפעסטיקן די רעפובליק, געבן זעלבשטענדיקע רעכט די קאָמונאַלע פאַרוואַלטונגען און פאַרבייטן די שטענדיקע אַרמיי מיט אַ פאָלקס־מיליץ. אָבער די רעוואָלוציאָנערן זענען נישט געווען צוגעגרייט צו די געשעענישן. ערשט דעם 3 אַפּריל האָבן זיי באַשלאָסן אָנצוגרייפן ווערסאַל. אָבער אין משך פון די צוויי וואָכן האָט טיער קאָנסאָלידירט זיינע כוחות. די רעוואָלוציאָנערן זענען צוריקגעשטויסן געוואָרן. פון דאַן געפינט זיך פאַריז ביזן סוף אין דעפענסיווע קעגן גאַנץ פראַנקרייך. פון דעם מאָמענט איז דער פראָלעטאַריאַט פון פאַריז געבליבן אָנגעוויזן בלויז אויף זיינע אייגענע כוחות.

וואָס פאַראַ אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט דער פאַריזער פראָלעטאַריאַט? קיין פאַריינען זענען נישט געווען, קיין מאַסן־פאַרטייען אויך נישט. אין רוסלאַנד זענען געווען די אַרבעטער־ראַטן. פעטערבורג האָט שוין געהאַט אַ גרויס־אינדוסטריע. פאַריז האָט אָבער געהאַט אַ קליין־אינדוסטריע, אַן אינדוסטריע פון לוקסוס־אַרטיקלען. דעריבער איז די ערשטע אָרגאַניזאַציע וואָס דער פאַריזער פראָלעטאַריאַט האָט זיך געשאַפן געווען אַ מיליטערישע — די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע. דעם 11־טן אויגוסט, אין גאַנג פון דער מלחמה, האָט די רעגירונג צוגעשאַפן צו די 60 באַטאַליאָנען פון דער פאַריזער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס האָבן עקזיסטירט פון פריער, נאָך 200 באַטאַליאָנען, וועלכע זענען באַשטאַנען פון דער פאַריזער אָרעמקייט. אין דער פאַריזער

נאַציאָנאַלער גוואַרדיע זענען געווען 300.000 מאַן. די דייטשן האָבן געהאַט אַן אַרמיי פון 200.000 מאַן. דער פאַראַט פון טיערס רעגירונג ווערט בולט אילוסטרירט דורך דער דאָזיקער ציפער. טיער האָט דאָך נאָך געהאַט 100.000 זעלנער אויסער דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט געווײלט אירע אָנפירנדיקע אָרגאַנען. דעם 15־טן מערץ איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ צענטראַל־קאָמיטעט פון דער גוואַרדיע, וועלכער איז באַשטאַנען פון בלויז פּראָלעטאַרישע עלעמענטן. פון 260 באַטאַליאָנען זענען 215 געווען אָנהענגער פון צענטראַל־קאָמיטעט. דאָס איז געווען די מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען אין פּאַריז נאָכן אַנטלויפן פון דער רעגירונג קיין ווערסאַל. עס האָט זיך פאַר איר געשטעלט די פראַגע: וואָס טאָן? ווי מיר האָבן געזען האָט זי געמאַכט דעם פעלער, וואָס זי האָט געלאָזט טיערן צייט. דאַקעגן האָט זי באַשלאָסן צו מאַכן וואַלן צו דער קאָמונע פון פּאַריז, ווייל דאָס איז געווען די פאָדערונג פון פּאַריזער פאָלק. געדאַרפט האָט זי זיך נעמען צו ביידע אויפגאַבן.

אין דער קאָמונע זענען אויסגעוויילט געוואָרן 90 מיטגלידער, צווישן זיי 21 קעגנער פון אויפשטאַנד. זיי האָבן נישט מיטגעאַרבעט מיט דער קאָמונע. די איבעריקע מיטגלידער פון דער קאָמונע זענען באַשטאַנען פון רעפּובליקאַנער, פּרודאָניסטן, בלאַנקיסטן. די פּרודאָניסטן זענען געווען מיטגלידער פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. די אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך דאַן געווען יונג. זי האָט נאָך נישט געהאַט קיין קלאָרן פּראָגראַם און קיין אויסגעאַרבעטע טאַקטיק. דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויף דער אַרבעט פון דער קאָמונע. די בלאַנקיסטן האָבן געהאַלטן, אַז די הויפּט־זאַך איז: דער אַרבעטער־קלאַס זאָל פאַרכאַפּן די מאַכט מיט דער הילף פון אויפשטאַנד. וואָס צו טאָן מיט דער מאַכט וועט ער שוין וויסן, ווען ער וועט זי דעראָבערן, זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר ווירטשאַפט־לעכע פּראָבלעמען. זיי האָבן זיך טאַקע הויפּטזעכלעך פאַרנומען מיט דער קריגס־פירונג קעגן ווערסאַל, מיט דער פּאָליציי און מיטן קאַמף קעגן דער קירכע. די פּרודאָניסטן זענען געווען קעגנער פון פּאָליטישע אַקציעס. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך פאַרנעמען בלויז מיט זיין עקאָנאָמישער באַפרייונג דורך קאָאָפּעראַטיוון, הילף־קאַסעס א.ד.גל. זיי זענען געווען קעגנער סיי פון דיקטאַטור און סיי פון דעמאָקראַטיע. זיי זענען געווען אַקטיוו אין די קאָמיסיעס פון דער קאָמונע, וואָס האָבן זיך

פאַרנומען מיט אַרבעט, אינדוסטריע־אויסטויש און פינאַנסן. מאַרקס האָט פּאַראייניקט אין זיין טעאָריעביידע מאָמענטן. ער האָט געהאַלטן, צוזאַמען מיט די פּרודאָניסטן, אַז די ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען זענען זייער וויכטיק און אַז אָן ענדערונג פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור וועלן קיין שום פּאָליטישע רעוואָלוציעס נישט באַפרייען דעם פּראָלעטאַריאַט. אָבער ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט מעגלעך דורכצופירן די עקאָנאָמישע ענדערונגען אויב מען באַזיצט נישט די מלוכה־מאַכט, כדי צו צעברעכן די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל. נאָך איינס האָט מאַרקס געוווסט: אַז די מעטאָדן און צילן פון דער פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק דאַרפן זיין צוגעפּאַסט צו די געגעבענע היסטאָרישע באַדינגונגען. ביי פאַרשידענע באַדינגונגען מוזן זיך אויך ענדערן די פאָדערונגען און מיטלען פון פּראָלעטאַרישן קאַמף. די בלאַנקיסטן און פּרודאָניסטן זענען אָבער געווען זייער באַגרענעצט. די ערשטע האָבן געגלויבט, אַז זיי האָבן געפונען אַן אוניווערסאַל מיטל פאַר אַלע לענדער און אַלע אומשטענדן: דאָס איז דער פּוטש, אויפשטאַנד. די צווייטע האָבן געהאַלטן בלויז פון קאָאָפּעראַטיוון און טוישבענק. אין דער קאָמונע זענען קיין מאַרקסיסטן נישט געווען.

אויפן סאָציאַלן געביט האָט די קאָמונע נישט געשאַפן קיין גרויסע זאַכן. עס איז נישט געווען קיין צייט און עס זענען נישט געווען קיין אַנטשפּרעכנדיקע באַדינגונגען. עס האָבן געזאָלט סאָציאַליזירט ווערן די אונטערנעמונגען, וואָס זייערע אייגנטימער זענען אַנטלאָפן. די דאָזיקע וואַרשטאַטן האָבן געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון. די באַשטעלונגען פאַר דער אַרמיי — קליידונג און געווער — האָבן געזאָלט אויסגעפירט ווערן אין די קאָאָפּעראַטיווע וואַרשטאַטן. די אָנפירונג פון די וואַרשטאַטן האָט געדאַרפט געוויילט ווערן פון די אַרבעטער און די קאָמונע האָט געדאַרפט צושיקן אירע פאַרשטייער. די אַרבעטער האָבן באַשלאָסן צו אַרבעטן 10 שעה. פאַר איבערשעהן האָבן זיי קיין לוין נישט גענומען, צוליב די נויטן פון קריגס־פירונג. די לוינען זענען געווען פאָלגנדיקע: דער דירעקטאָר 250 פראַנק אַ חודש, דער וואַרשטאַט־פירער 210, די אַרבעטער פון 160 ביז 190 פראַנק אַ חודש.

מאַרקס שרייבט וועגן דעם פאָלגנדיקעס: „דער אַרבעטער־קלאַס האָט נישט פאַרלאַנגט קיין ניסים פון דער קאָמונע. ער האָט נישט געמיינט איינצופירן דורך אַ באַשלוס קיין שום פאַרטיקע אוטאָפּיעס. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז כדי צו דערגרייכן זיין אייגענע באַפרייונג און צוזאַמען דערמיט

אויך יענע העכערע לעבנס־פֿאָרם צו וועלכער עס שטרעבט די היינטיקע געזעלשאַפֿט אַדאַנק איר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, מוז ער, דער אַרבעטער־קלאַס, פֿריער דורכמאַכן לאַנגע קאַמפֿן, אַ גאַנצע ריי היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס ענדערן איבער אינגאַנצן סיי דעם מענטשן, סיי די באַדינגונגען."

אַלזאָ וואָס האָט געדאַרפֿט זיין דער ציל פֿון דער קאָמונע? צי האָט זי געדאַרפֿט שטרעבן איינצופֿירן סאָציאַליזם? דער אַרבעטער־קלאַס איז נישט שטענדיק און ביי אַלע באַדינגונגען רייף איבערצונעמען די מאַכט. אָבער דער אַרבעטער־קלאַס קאָן זיך נישט אויסקלייבן דעם מאָמענט, ווען די געשיכטע ברענגט אים צו דער מאַכט.

דער צוזאַמענברוך פֿון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן האָט געשאַפֿן די רעפּובליק און דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט איז געווען אַ מאַכט־פֿאַקטאָר. ער איז געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט און באַוואָפֿנט. מאַרקס האָט געהאַלטן, אַז אין יענעם מאָמענט איז די וויכטיקסטע אויפֿגאַבע געווען אויסנוצן די רעפּובליק, כדי בעסער צו הויבן דעם באַוווּסטזיין און אויסבויען די אָרגאַניזאַציע פֿון פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּאַרטיידיקן די רעפּובליק מיט אַלע כוחות. ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז נאָך נישט געקומען די צייט דער פּראָלעטאַריאַט זאָל איבערנעמען די מאַכט. אָבער דער גאַנג פֿון דער געשיכטע הענגט נישט אָפּ בלויז פֿון אונדזער ווילן. עס איז געוואָרן אומפֿאַרמיידלעך דער אויפֿשטאַנד פֿון פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט דעם 18־טן מערץ. מאַרקס האָט דאַן געהאַלטן, אַז די קאָמונע דאַרף נישט פּרוּוון שוין איינפֿירן דעם סאָציאַליזם און צעברעכן דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־סיסטעם. ער האָט געשריבן דעם 12־טן אַפּריל 1871 צו קוגעלמאַנען: „איך האַלט, אַז די נאָענטסטע אויפֿגאַבע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע דאַרף זיין נישט איבערפֿירן — ווי ביז איצט — די ביוראָקראַטישע מיליטערישע מאַשין פֿון איין האַנט אין דער אַנדערער, נאָר די אויפֿגאַבע איז זי צו צעברעכן."

פֿראַנקרייך האָט נאָך דאַן נישט געהאַט קיין אַנטוויקלטע גרויס־אינדוסטריע, די כוחות און באַדייטונג פֿון פּראָלעטאַריאַט זענען געווען צו קליין צו קענען אויסראָטן דעם קאַפּיטאַליזם אין דעם אַגראַרן און קליינבירגערלעכן פֿראַנקרייך.

ווי מיר זעען, איז די מעגלעכע אויפֿגאַבע פֿון דער קאָמונע געווען אין דער ערשטער ריי אַ פּאָליטישע: צעשטערן דעם ביוראָקראַטיש־מיליטערישן מאַכט־אַפּאַראַט. צי האָט זיך די קאָמונע אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דעם?

אין דער טעאָריע — נישט. פּראַקטיש האָבן זיי געפונען די מיטללינִיע צווישן זייערע חלוקי־דעות.

פאַר די בלאַנקיסטן איז די פּאַריזער קאָמונע געווען אַ מיטל צו געווינען די מלוכה־מאַכט, כדי צו באַהערשן גאַנץ פראַנקרייך. פאַר די פּרודאָניסטן איז די סוווערעניטעט פון יעדער קאָמונע געווען אַ מיטל צו מאַכן אַ סוף צו דער מאַכט פון דער מלוכה בכלל. די ערשטע זענען געווען אָנהענגער פון אַ צענטראַליסטישער מלוכה־מאַכט, די צווייטע האָבן געשטרעבט צו אַ פעדעראַציע פון אויטאָנאָמע קאָמונעס. אַ פראַנצויזישער היסטאָריקער כאַראַקטעריזירט אַזוי דעם קעגנזאַץ: „פאַר איינע האָט דער באַגריף קאָמונע געהאַט פריער פון אַלץ דעם זין פון אַ מלחמה קעגן די אַלטע באַגריפן פון אַ צענטראַליסטישער דעספּאָטישער מלוכה. די קאָמונע האָט פאַר זיי באַדייט דער טריומף פון אויטאָנאָמיע־פּרינציפּ, פרייע פעדעראַציע פון גרופּן. זיי האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די דיקטאַטור. פאַר די אַנדערע איז די פּאַריזער קאָמונע געווען אַ פאָרטזעצונג פון דער קאָמונע פון 1793. זי האָט פאַרגעשטעלט אין זייערע אויגן די דיקטאַטור אין נאָמען פון פאָלק, אַ גוואַלדיקע קאָנצענטראַציע פון מאַכט־מיטלען אין די הענט פון אַ קליינער גרופּע. זיי האָבן פאַרשטאַנען די צעשטערונג פון די אַלטע מאַכט־אינסטיטוציעס אין דעם, וואָס מ'האָט אָוועקגעשטעלט בראש פון די אינסטיטוציעס נייע מענטשן, וועלכע זאָלן זיי אויסנוצן קעגן די שונאים פון פאָלק אין אינטערעס פון פאָלק. אמת, די צווייטע גרופּע האָט אויך אָנערקענט דעם פּרינציפּ פון קאָמונאַלער אויטאָנאָמיע און פון פרייער פעדעראַציע פון גרופּן. אָבער געטאָן האָבן זיי דאָס אונטערן צוואַנג פון דעם ווילן פון פּאַריז. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז ווער עס וויל באַפעסטיקן די פרייהייט מיט מיטלען פון דיקטאַטור און ווילקיר, דערהרגעט דאָס, וואָס ער וויל ראַטעווען."

פּראַקטיש האָבן ביידע גרופּן נישט געקענט אויסקעמפן זייערע חלוקי־דעות, ווייל פּאַריז איז געווען אָפּגעשניטן פון פראַנקרייך. במילא איז נישט מעגלעך געווען נישט אויפצובויען אַ צענטראַליסטישע מלוכה, נישט צו צעברעכן די מלוכה בכלל. פּראַקטיש האָבן די באַדינגונגען זיי געצוווּנגען צו אַרבעטן איבער דער פאַרפעסטיקונג פון דער פּאַריזער זעלבסטפאַרוואַלטונג און קעמפן קעגן די גרויסע פולמאַכטן פון דער רעגירונג־ביוראָקראַטיע און פאַר דעם — די שטענדיקע אַרמיי זאָל פאַרטוישט ווערן דורך אַ פאָלקס־מיליץ. זיי האָבן באַשלאָסן צו שטעלן דעם אַפּאַראַט פון דער קאָמונע, זייער

אייגענע ביוראָקראַטיע אונטער דער שאַרפסטער קאָנטראָל פון די פאָלקס־מאַסן.

די באַאַמטע און ריכטער ווערן געוויילט דורכן פאָלק, קענען אַראָפּגע־זעצט ווערן דורכן פאָלק. זייערע לוינען טאָרן נישט זיין פיל גרעסער פון דורכשניטלעכן פאַרדינסט פון אַרבעטס־מענטשן. מיט די דאָזיקע פאָדערונ־גען און פאַראָרדנונגען האָבן זיי רעאַליזירט מאַרקס אָנווייזונג וועגן צע־ברעכן די ביוראָקראַטיש־מיליטערישע מלוכה־מאַשין.

די קאָמונע האָט פיל געליטן צוליב די אינערלעכע שטרייטן און דער שלעכטער אָרגאַניזאַציע. דער פאַריזער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך ערשט אין ברען פון מלחמה געשאַפן און געלערנט אָרגאַניזאַציע. צום ערגסטן איז עס געווען פאַר דער אַרמיי. די אָפיצירן זענען געווען געוויילט דורך די זעל־נער און פאַראַנטוואָרטלעך נישט פאַר זייערע אָנפירער, נאָר פאַר זייערע ווילער. דאָס האָט אונטערגעגראָבן די דיסציפּלין, וועלכע איז געווען אַזוי נויטיק, גראָד אין די טעג פון מלחמה. די רעזולטאַטן אילוסטרירן צום בעסטן פאָלגנדיקע ציפערן: אין די פאָדערשטע ליניעס האָבן געקעמפט 30.000 מענטשן, אין דער צייט, ווען פעיקע צום קאַמף זענען געווען 162 טויזנט גוואַרדיסטן און 6 טויזנט 500 אָפיצירן. די דעזאָרגאַניזאַציע איז געווען נאָך גרעסער צוליב דעם, וואָס אין מיליטערישע ענינים האָבן אַ דעה געהאַט 3 אינסטאַנצן: די קאָמונע, דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און אַ באַזונדערער קאָמיטעט פון דער אַרטילעריע.

די קאָמונע האָט נישט אָנגעווענדעט קיין פּאָליטישן טעראָר, זי האָט עס אויך נישט געדאַרפט, ווייל די מערהייט פון דער פאַריזער באַפעלקע־רונג איז במילא געווען אויף איר זייט. דער שונא וואָס איז געווען געפער־לעך איז געווען אויסער די מויערן פון דער שטאָט. די בעסטיאַלישקייט פון טיערן בנוגע געפאַנגענע קאָמונאַרן האָט געצוווּנגען דער קאָמונע צו נעמען זאַקלאַדניקעס. כל־זמן עס איז געווען די קאָמונע, איז זיי קיין שום שלעכטס נישט געשען. ערשט ווען די קאָמונע איז געפאַלן, און די ווערסאַ־לער באַנדיטן האָבן געפּראַוועט זייערע בלוטיקע אָרגיעס אויף די גאַסן פון פאַריז, האָבן פאַרצווייפלטע רעוואָלוציאָנערן דערשאָסן 60 זאַקלאַדניקעס.

עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ ביישפּיל אין דער געשיכטע פון בירגער־קריגן און מלחמות, ווו איין זייט זאָל באַגיין אַזעלכע אוממענטשלעכע מאַסן־מאָרדן און די צווייטע זייט זאָל אַזוי הויך שעצן די געבאָטן פון מענטשלעכ־קייט. דעריבער זענען די פאַריזער איינוווינער אַזוי טיף געווען פאַרבונדן

מיט זייער קאָמונע, דעריבער האָבן זיי אַזוי העלדנמוטיק געקעמפט אַ וואָך צייט נאָכן פאַרלירן זייערע פּאָזיציעס. די צאָל קרבנות — טויטע און אַרעסטירטע — איז דערגאַנגען ביז הונדערט טויזנט.

ביידע ריכטונגען אין דער קאָמונע האָבן זיך שאַרף באַקעמפט. אָבער קיין איינע פון זיי האָט נישט געטראַכט צו פאַרגוואַלטיקן די צווייטע מיט טעראָר־מיטלען. די מערהייט און די מינדערהייט האָבן געקעמפט צוזאַמען ביזן סוף. דעריבער איז די קאָמונע אָנערקענט געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, סיי דורך מאַרקסן, סיי דורך באַקונינען.

די ערשטע רעגירונג פון פּראָלעטאַריאַט האָט זיך טיף איינגעוואָרצלט אין די הערצער פון די אַלע, וואָס שטרעבן צו דער באַפרייונג פון דער מענטשהייט. אויף דער דערפאַרונג פון דער קאָמונע האָט זיך געלערנט דער פּראָלעטאַריאַט. עס זענען באַגאַנגען געוואָרן פעלערן, עס האָט געהערשט אַן אומקלאָרקייט אין די באַגריפן. אַ געמיש פון אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע איינשטעלונגען וועגן מלוכה, קאָמונאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, צענטראַליזם און פעדעראַציע. אָבער אין דעם געמיש האָט דורכגעשלאָגן די מאַרקסיסטישע אויפפאַסונג, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף צעברעכן די ביוראָקראַטיש־מיליטערישע מאַשין און שאַפן זיך אַן אייגענעם אַפּאַראַט, געבויט אויף די יסודות פון אַרבעטער־דעמאָקראַטיע, פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט, אויף די יסודות פון ברייטסטער זעלבסטפאַרוואַלטונג ביי דעם באַדינג, אַז דער פּראָלעטאַריאַט פירט אָן מיט דער פאָלקס־מערהייט.

אַבראַשע בלום

העלדן און מארטירער

אינעם קבר — איז דער בר־מינן
די אידייע לעבט.

װ יִ ק ט אָ ר ה ו ג אָ



דעלעקליוז פערע

פלוראַנס לואיזע מישעל. מיליער

דאָמבראָווסקי ווערמאָרעל

קעמפער פון דער פּאַריזער קאָמונע



(לויט דער האָלץ־גראַווויור פון ראָבער)

37 די מיטגלידער פון דער פּאַריזער קאָמונע



אַסטי

גרוסע ריגאָ

טרענקע

רעקליו

קורבע

זשורד

דאקומענטן און מאטעריאלן

„דאָס לאַנד איז נישט פריי, ווען עס איז נישט פריי
דער יחיד."
(אויפרוף פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע)

דאָס דייטשע מיליטער אין פּאַריז

נישט בלויז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קלאַס פּייערט היינט דעם אָנדענק פון דער פּאַריזער קאָמונע. אויך די דייטשן דערמאָנען היינט דעם טאָג פון 1־טן מערץ 1871, ווען דאָס פּרייסישע מיליטער איז אַריין אַלס זיגער אין פּאַריז. די היטלעריסטישע פּרעסע ברענגט היינט אַרטיקלען און בילדער וועגן זייער „רומפולן" מאַרש דורך די פּאַריזער בולוואַרן אין יאָר 1871 און אין 1940. מיר האָבן נאָך נישט די מעגלעכקייט צו שיל־דערן ווי אַזוי זייער אַריינמאַרש איז אויפגענומען געוואָרן דורך דעם פּאַ־ריזער פאָלק אין יאָר 1940, מיר ווייסן נאָר וועגן די בלוטיק פונאַנדערגע־יאָגטע סטודענטן־דעמאָנסטראַציעס און וועגן טעראָר קעגן דער אומלעגאַ־לער פּראָנצויזישער אַרבעטער־באַוועגונג באַלד אין די ערשטע וואָכן נאָכן אָקופּירן פּאַריז דורך די היטלעריסטן.

לאָמיר אָבער לאָזן דערציילן אַן אָנטיילנעמער פון דער פּאַריזער קאָ־מונע וועגן דעם אַריינמאַרש פון דייטשן מיליטער אין פּאַריז אין יאָר 1871.

„דעם 1־טן מערץ 1871 האָבן די פּרייסן געקענט אַריין אין פּאַ־ריז. פּאַריז, וואָס האָט איצט געהערט צום פאָלק איז שוין נישט געווען מער דאָס פּאַריז פון די אַדל־לייט און גרויס־בורזשואַזיע, ווי דאָס איז געווען דעם 30־טן מערץ 1851. די שוואַרצע פענער, וואָס זענען געווען אַראָפּגעלאָזט איבער די הייזער, די פּוסטע גאַסן, די פאַר־מאַכטע געשעפטן, די פאָנטאַנען וואָס האָבן אויפגעהערט צו שלאָגן, די פאַרהאָנגענע סטאַטועס אויפן שלום־פּלאַץ, דער גאַז, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט אין אָוונט צו ברענען, — דאָס אַלץ האָט עדות גע־זאָגט, אַז די שטאָט האָט זיך נישט געלאָזט נעמען אין קלעם. די דייטשן, וואָס האָבן זיך צעלייגט צווישן דער סענע און לוווּר, אַרומ־געריננגלט מיט פאַרמאַכטע ראַגאַטקעס און מיט אַ גאַנצער גרענעץ פון באַריקאַדן, וואָס האָבן אַרומגענומען די פאַרשטאָט סענט־אַנאָרע, האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ פאַסטקע.

גאַסן־מיידלעך, וואָס האָבן געוואַגט אַריבערצוטרעטן די גרענעץ האָט מען עפנטלעך געשמיסן. דאָס קאָפּע־הויז אויף די עליזעישע פעל־דער האָט זיך אַפילו געעפנט פאַר די זיגער, מען האָט עס אָבער צעטראָגן אויף פּיץ־פּיצלעך. בלויז אויף דער פאַרשטאָט סען־זשערמען האָט זיך געפונען איין אַדל־מאַן, וואָס האָט פאַרגעלייגט זיין הויז די פּרייסן.״

אַזוי האָט געהאַנדלט פּאַריז. אָבער די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג פון פראַנקרייך, וועלכע קומט זיך צונויף אין באָרדאָ און באַשטייט פון די פאָרשטייער פון דער פאַרעטערישער בורזשואַזיע

„געפינט נישט קיין מיטגעפיל־ווערטער פאַר פּאַריז, וואָס האָט דורכ־געמאַכט אַזאַ ווייטאָגלעכן קריזיס: פאַרקערט, די ציטונגען מיטן רע־גירונגס־„אָפיסעל״ בראָש זענען אש להבה דערויף, וואָס פּאַריז האָט געקענט גאָר טראַכטן וועגן אַן אָנפאַל אויף די פּרייסן.״

די דייטש־פראַנצויזישע מלחמה איז געווען פּאָפּולער בייביידע צדדים. קעגן דער מלחמה זענען נאָר אַרויסגעטראָטן די דייטשע און פראַנצויזישע אַרבעטער. די פראַנצויזישע סעקציע פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָט דעמאָלט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די דייטשע סאָציאַליסטן, אין וועלכן ס'איז געזאָגט געוואָרן:

„דייטשע ברידער! לאָזט אייך נישט פאַרפירן דורך אַ פּראָוואָקאַ־ציע, די מלחמה צווישן אונדז איז אַ ברידער־קאַמף. מיר אַרבעטער פון אַלע לענדער, מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל, אָנערקענען נישט די גרענעצן. מיר שיקן אייך, אַלס באַווייז פון סאָלידאַריטעט, דעם גרוס פון אַלע אַרבעטער פון פראַנקרייך.״

די דייטשע אַרבעטער האָבן געענטפערט:

„מיר ווילן אויך שלום, אַרבעט און פרייהייט. דעריבער פאַראייניקן מיר זיך מיט אייך צו אייער פּראָטעסט. אַדורכגעדרונגען מיט ברידער־לעכע געפילן, שטרעקן מיר אויס צו אייך אונדזער האַנט און זאָגן: אין אונדזערע הערצער איז נישטאָ קיין שפּור פון נאַציאָנאַלן האַס. מיר זענען אויך קעמפער קעגן דעספּאָטיזם און טיראַנען. מיר זאָגן אייך פייערלעך צו, אַז נישט דאָס קלאַפּן אין די פּויקן, דאָס דונערן פון האַרמאַטן, נישט דער נצחון אָדער מפּלה וועלן אונדז אַראָפּפירן פון וועג, וועלכער וועט פירן צו דער פאַראייניקונג פון אַלע פּראָ־לעטאַריער״.

אויפרופן

פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע

פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט.

צום פאָלק!

בירגער!

די באַפעלקערונג פון פאַריז האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך וואָס מען האָט איר געוואָלט אָנבינדן.

אַ רואיקע אין באַוווּסטזיין פון איר קראַפט, האָט זי אָן מורא און אָן אַרויסרוף געוואַרט, ביז די אומפאַרשעמטע מענטשן־משוגעים, וואָס זענען געווירט אויפן שכל, האָבן געוואָגט צו פאַרמעסטן זיך אויף דער רעפּובליק. דאָס מאָל האָבן אונדזערע ברידער אין דער אַרמיי נישט געוואָלט אויפהייבן די האַנט אויפן קדשי־קדשים פון דער פרייהייט. מיר דאַנקען אַלעמען. זאָלן אַלע, גאַנץ פראַנקרייך, לייגן דעם פונדאַמענט פון דער רעפּובליק, וועלכע מיר באַגריסן מיט אַלע אירע פאָלגן. בלויז אַזאַ רעגירונג קאָן איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף מיט דעם צושטאַנד פון אינוואַזיעס און בירגער־קריג. דער באַלאַגערונגס־צושטאַנד איז אַראָפּגענומען געוואָרן. די באַפעלקערונג פון פאַריז איז צונויפגערופן געוואָרן דורך די סעקציעס צוליב די קאָמונאַלע וואַלן. די געפאַרלאָזיקייט פון די בירגער איז געזיכערט דורך דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

צענטראַל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע

פראַנצויזישע רעפּובליק, 19־טער מערץ 1871.

צו דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע פון פאַריז!

בירגער!

איר האָט אונדז באַאויפטראַגט צו אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג פון פאַריז און די שוץ פון אייער רעכט.

מיר דערקלערן מיטן פולן באַוווסטזיין, אַז מיר האָבן אויסגעפילט אונ־דזער מיסיע: אַ דאַנק אייער העלדישער אונטערשטיצונג און אייער ווונ־דערבאַרער קאַלטבלוטיקייט האָבן מיר פאַרטריבן די רעגירונג פון די פאַ־רעטער.

איצט גייען אויס אונדזערע פולמאַכטן און מיר קערן אייך אום אייער מאַנדאַט, ווייל מיר שטרעבן נישט צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון יענע, וועמען עס האָט אָקערשט אויסגעקערט דער שטורעם פונם פאָלקס־צאָרן.

גרייט־זשע זיך צו צו די קאָמונאַלע וואַלן און גיט אונדז די איינציקע באַלוינונג, וואָס וועגן איר האָבן מיר געטרוימט — דאָס בילד פון אַ ווירק־לעכער רעפּובליק, וועלכע איר האָט איינגעשטעלט!

דערוויל אָבער, פאַרנעמען מיר נאָך אַלץ, אין נאָמען פון פאָלק, דאָס שטאָטישע ראָטהויז.

צענטראַל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע:
(אונטערשריפטן)

פּאַריזער ראָטהויז, 19־טער מערץ 1871.

אויפרופן פון דער פּאַריזער קאָמונע

„צום פּאַריזער פאָלק!

...דאָס פאָלק, וואָס האָט אַראָפּגעזעצט קעניגלעכע טראָנען, דאָס פאָלק, וואָס האָט חרוב געמאַכט די באַסטיליע, דאָס פאָלק פונם 89־טן און 93־טן יאָר, דאָס פאָלק פון רעוואָלוציעס קאָן נישט אין איין טאָג פאַרלירן די פּרוכטן פון דער עמאַנציפּאַציע פונם 18־טן מערץ... צום געווער! שנעל־זשע צום געווער!

זאָל פּאַריז זיך אַרומרינגלען מיט באַריקאַדן און פון די דאָזיקע אימ־פּראָוויזירטע פעסטונגען נאָכאַמאָל אַ וואָרף טאָן דעם שונא אַ מיליטערישן לאָזונג, אַ לאָזונג פון כעס, אַ לאָזונג פון אַרויסרוף, אָבער אין דער זעלבער צייט אַ לאָזונג פון נצחון, מחמת פּאַריז מיט זיינע באַריקאַדן איז אומבאַ־זיגלעך."

„בירגער פון 20־טן קרייז!

איר ווייסט, וואָסער גורל עס וואַרט אויף אייך, אויב מיר וועלן זיך אונטערגעבן... צום געווער!... זייט אויף דער וואַך, דער עיקר בייגאַכט... איך פאָדער פון אייך, אַז איר זאָלט פּינקטלעך אויספירן די באַפעלן, האַלט אונטער דעם 19־טן קרייז, העלפט אים אָפּצושטויסן דעם שונא. אין דעם ליגט אייער אייגענע רעטונג. וואַרט נישט ביז מען וועט שוין אָנהויבן באַפאַלן בעלוויל... פאָרויס... זאָל לעבן די רעפּובליק!"

דאָס איז געווען דער לעצטער אויפרוף פון דער פּאַריזער קאָמונע.

אויסצוגן פונם אויפרוף צו די דאָרפישע איינוווינער *)

ברודער, מען נאַרט דיך אָפּ. אונדזערע אינטערעסן זענען די זעלבע. דאָס וואָס איך פאָדער ווילסטו אויך. די באַפרייונג, וועלכע איך וויל זיך דערשלאָגן, — דאָס איז דיין באַפרייונג. דיר, פּונקט אַזוי ווי מיר, פעלט פרייהייט, אָפּרו, אַן אינטעלעקטועל און גייסטיק לעבן. דו און איך — מיר זענען נאָך אַלץ קנעכט פון אָרעמקייט. פויער — אומגליקלעכער טאָג־אַרבעטער, אָט איז שוין אַ יאָרהונדערט, ווי מען חזרט דיר איבער, אַז אייגנטום — דאָס איז די אייביקע פּרוכט פון דער אַרבעט און דו גלויבסט אין דעם.

אָט דו — זקן: דו האָסט אַ גאַנצע צייט געאַרבעט. דאָך ביסטו נישט רייך און דו האָסט אַפילו נישט קיין שטיקל ברויט אויף די עלטערע יאָרן. דיינע גאַנצע אָפּשפּאָרונגען זענען אַוועק אויף דערציען די קינדער.... מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ וועסטו גיין פון טיר צו טיר בעטן אַ דערנידעריקנדיקע טרוקענע נדבה. דאָס איז נישט יושרדיק, ברודער־פּויער. צי דען ווייסטו דאָס נישט? ווען עס וואָלט געווען אמת, אַז אייגנטום איז די פּרוכט פון דער אַרבעט, וואָלסטו געווען אַן אייגנטימער, דו האָסט דאָך אַזוי פיל געאַרבעט. דו וואָלסט באַזעסן דאָס קליינע הייזל מיטן גאָרטן און פּאַרקאַן, וואָס זענען געווען דיין טרוים, דיין ציל, די ליידנשאַפט פון דיין לעבן, נאָר דו ביסט דאָס נישט בכוח צו דערווערבן...

---

*) אָנגעשריבן דורך דער סאָציאַליסטקע אַנדרע לעאָ.

דאָס איז נישט יושרדיק. אָט פאַרוואָס פאַריז שטייט אויף, פּראָטעסטירט און פאָדערט צו ענדערן די געזעצן, וועלכע גיבן אין די הענט פון די רייכע די גאַנצע מאַכט איבער די אַרבעטנדיקע.

פאַריז וויל, אַז דעם פּויערס זון זאָל באַקומען די זעלבע בילדונג, ווי דעם גבירס זון און ער זאָל זי באַקומען אָן געצאָלט, וואָרום דיווירטשאַפט איז אַן אַלגעמיין פאַרמעגן. כדי צו לעבן ווי געהעריק איז בילדונג אַזוי נויטיק, ווי די אויגן אויף צו זען.

...איצט איז אייך קלאָר, אַז די זאַך פון פאַריז איז אייער זאַך. די גענע־ראַלן, וואָס פאַלן איצט אָן אויף פאַריז זענען די זעלבע, וואָס האָבן פאַראַטן פראַנקרייך. די דעפּוטאַטן, וואָס איר האָט אויסגעוויילט, נישט קענענדיק זיי, ווילן ווידער אומקערן דעם קעניג. וואָס עס זאָל נישט פּאַסירן, געדענקט: רעוואָלוציעס וועלן פאַרקומען אַזוי לאַנג, כל־זמן עס וועט נישט דערגרייכט ווערן: ערד — פאַר די פּויערים, אַרבעט־געצייג — פאַר די אַרבעטער, אַר־בעט — פאַר אַלעמען.

די רעדע פון דער וואנדערבאַרער לויזע מישעל פאַרן געריכט

„איך וויל זיך נישט פאַרטיידיקן, איך וויל נישט מען זאָל מיך פאַר־טיידיקן! — שרייט אויס לויזע מישעל — איך האָב מיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און איך וויל טראָגן די אחריות פאַר אַלע מיינע מעשים. איך נעם נישט אָן קיין חסד. איר באַשולדיקט מיך אין נעמען אָנטייל אין דערהרגענען די גענעראַלן? איך ענטפער אייך דערויף: יאָ, ווען איך וואָלט דעמאָלט געווען אויפן מאָנמאַרטר, בשעת זיי האָבן געוואָלט שיסן צום פאָלק, וואָלט איך זיך קיין וואַקל נישט געטאָן אַליין אויסצושיסן אין די יעניקע, וואָס גיבן אַרויס אַזעלכע באַפעלן. וואָס שייך די פאַריזער שריפות — איז אמת, איך האָב אין זיי אָנטייל גענומען. איך האָב געוואָלט דורך פייער פאַר־שטעלן דעם וועג די ווערסאַלער איינגעמער. איך האָב קיין מיט־חברים נישט געהאַט, איך האָב אַלץ געטאָן לויט מיין אייגענעם ווילן.״

דער פּראָקוראָר פאָדערט טויט־שטראָף.

לויזע מישעל

„דאָס איינציקע, וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך, וואָס רופן זיך אָן מיליטערישער געריכט, וואָס רופן זיך אָן מייגע ריכטער, וועלכע באַהאַלטן זיך נישט אונטער קיין שום מאַסקעס ווי עס טוען די לייט פון דער באַגנעדיקונגס־קאָמיסיע — איז, אַז איר זאָלט מיך טויטן אויפן סאַטאָרי־פעלד, ווו עס זענען שוין געפאַלן מיינע ברידער. מיך דאַרף

מען אַרויסוואַרפן פון דער געזעלשאַפט. מען האָט עס אייך איבער־געגעבן צוטאָן. מילא! דער קאָמיסאַר פון דער רעפּובליק איז גערעכט. אויב יעדעס האַרץ, וואָס קלאַפּט פאַר פרייהייט, האָט רעכט בלויז אויף אַ שטיקל בליי, פאָדער איך אויך מיין חלק! אויב איר וועט מיך לאָזן לעבן, וועל איך נישט אויפהערן צו שרייען וועגן נקמה. איך וועל רופן מיינע ברידער נקמה נעמען אויף די קעפּ פון די מערדער פון דער באַגנעדיקונגס־קאָמיסיע."

פאָרזיצער: "איך קען אייך נישט געבן קיין וואָרט."

לויזע מישעל: "איך האָב געענדיקט... אויב איר זייט נישט קיין פּחדנים, וועט איר מיך דערהרגענען."

זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין מוט זי גלייך צו דערהרגענען. מען האָט זי פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע.

דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון די מיטגלידער פון דער קאָמונע

דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער קאָמונע, קאָן מען כאַראַקטעריזירן מיט אָט די ציפערן. פון 83 מיטגלידער זענען:

אַרבעטער	27	אָדער	32,5	פּראָצ.
אַנגעשטעלטע און קליינע באַאַמטע	13	"	15,7	"
פערזאָנען פון פרייע פּראָפעסיעס (אַרטיסטן, דאָקטוירים, אינזשיניערן, ליטעראַטן א.ד.גל.)	32	"	38,5	"
קליינע הענדלער און אונטערנעמער	4	"	4,9	"
אָפיצירן	2	"	2,4	"
פערזאָנען פון אומבאַוווסטע פּראָפעסיעס	5	"	6,0	"
סך־הכל	83	אָדער	100	פּראָצ.

(נ. לוקין "פאַריזער קאָמונע")

דער באַשטאַנד פון די פאַראורטיילטע קאָמונאַרן

דער גענעראַל אַפּפּער האָט אין זיין באַריכט פאַר דער „אויספאָרשונג־קאָמיסיע וועגן 18 מערץ״ געגעבן אייניקע איבעראַשנדיקע סטאַטיסטישע ציפערן, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף די פּראָפעסיעס פון די פאַראורטיילטע קאָמונאַרן. אָט דאָס זענען די ציפערן:

בוי־אַרבעטער — 2.901, שלאָסער־מעכאַניקער — 2.664, ברוקירער — 2.293, סטאָלער — 1.659, האַנדלס־אָנגעשטעלטע — 1.598, שוסטער — 1.491, אָנגעשטעלטע — 1.065, מאָלערס — 863, דרוקער־אַרבעטער — 819, שטיין־האַקער — 766, שניידער — 681, סטאָלער־פּאָלירער — 636, יובילערן — 528, סטאָלער־בויער — 382, בלעכער — 227, מעטאַל־גיסער 224, קירזשנער — 210, שניידערינס — 206, פּאָזומענטירער — 193, זייגער־מאַכער — 179, גאָלד־באַגיסער — 172, שפּאַליערער־ברוקער — 159, פּאַרמירער — 157, פידל־מאַכער — 124, איינבינדער — 106, לערער — 106, אינסטרומענטאַליסטן — 98, אאַ״וו. אָבער די דאָזיקע ציפערן, ווי מיר זעען, האָבן זיך באַצויגן בלויז צו די פאַראורטיילטע דורך די מיליטערישע געריכטן, ד״ה סך־הכל צו 20.000 מאַן פון דער אַלגעמיינער צאָל 100.000. די מוניציפּאַלע אויספאָרשונג האָט אָנגעוויזן אויף דער אַלגעמיינער צאָל פאַרשוווּנדענע, טויטע, אַרעסטירטע און עמיגרירטע און האָט בולט אויפגעדעקט די שרעקלעכע פאַרלוסטן, וואָס די רעאַקציע האָט אַרויסגערופן אין די רייען פון פּראָלעטאַריער־קלאַס.

זי האָט אויפגעדעקט אָט וואָס: די שוסטערישע פּראָדוקציע, אין וועלכער עס זענען געווען באַשעפטיקט 24.000 פראַנצויזישע אַרבעטער, האָט פאַרלוירן 12000 דערהרגעטע, אַרעסטירטע אָדער עמיגרירטע; אין דער פּראָדוקציע פון פּאַרטיקע קליידער האָבן געפעלט העכער 5000 אַרבעטער. די פאַרלוסטן אין דער מעבל־פּראָדוקציע אין דער פאָרשטאָט סען־אַנטואַן האָבן דערגרייכט 6.000 און די באַלעבאַטים האָבן געבעטן רחמים מען זאָל זיי אומקערן זייערע אַרבעטער (פאַרשטייט זיך נישט די דערהרגעטע), ווייל זיי וואָרפן מיט שרעק אויף אָקטאָבער — דעם חודש פון די באַשטעלונגען און זיי ווייסן נישט, ווי אַזוי וועלן זיי זיך באַגיין אָן אָט די אַרבעטער. אין בוי־געביט האָט מען נאָך נישט געקענט פעסטשטעלן פּינקטלעך די פאַרלוסטן, אָבער די אויספאָרשונג האָט אָנגעוויזן, אַז אַלע מייסטער מולערס האָבן באַדאַרפט געטוישט ווערן מיט שילער און, אַז עס פעלן 3.000 דאָך־

דעקער, בליי־ און צין־אַרבעטער. אַזוינע ידיעות האָט מען אויך קאָנ־סטאַטירט בנוגע צו אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע, וואָס פּראָדוצירן די אַ״ג „פּאַריזער אַרבעט״, אין וועלכער עס זענען אין די פאַבריקע יאָרן געווען פאַרנומען מער פון 20.000 אַרבעטער. אויך די פאַבריקאַנטן פון די ניי־מאַשינען האָבן אויך דערקלערט, אַז זייער פּראָדוקציע דראָט אַ פול־שטענדיקע רואינירונג, ווייל די אַרבעטערינס, וואָס פלעגן פריער קויפן זייערע מאַשינען, זענען אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן. איינער פון אָט די פאַבריקאַנטן האָט באַהויפּטעט, אַז ער האָט ביי זיך אויף 40.000 פראַנק אונטערשריפטן, וואָס אָט די אַרבעטערינס האָבן אים אַרויסגעגעבן פאַר די מאַשינען, וועלכע זיי האָבן גענומען אויף אויסצוצאָלן, און אַז בלויז אַ פערטל פון אָט דער סומע וועט אויסגעצאָלט ווערן, ווייל די איבעריקע 3 פערטל, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אונטערשריפטן לאָזן פון זיך נישט וויסן און זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן.

(לואי דיוברעיל, „די קאָמונע פון 1871 יאָר״)

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל און די פּאַריזער קאָמונע

די פּאַריזער קאָמונע איז נישט געווען קיין שאַפונג פון אינטערנאַ־ציאָנאַל. לכתחילה האָט זיך אַ טייל פון זיינע אָנגעזעענסטע פאַרטרעטער אַפילו באַצויגן קריטיש צו איר, באַזונדערס צו דעם זייער געמישטן בונט־פאַרביקן צוזאַמענשטעל פון אירע אָנפירער. אָבער עס אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אַז די אומדירעקטע אידעישע ווירקונג פון אינטערנאַציאָנאַל האָט ביי דער אַנטשטייונג פון דער קאָמונע אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָל. יעדנפאַלס איז שפּעטער, ווען די סכנה מצד דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער מאַכט פון ווערסאַל איז געוואָרן גאָר גאָענט, איז דער איינפלוס פון אינטערנאַ־ציאָנאַל שוין געווען זייער באַדייטנדיק און זיינע פראַנצויזישע מיט־גלידער זענען געשטאַנען אויף זייער פאַראַנטוואָרטלעכע און געפערלעכע פּאָסטנס. פון דער צווייטער זייט האָט אויך דער גענעראַל־ראַט נישט אָפּ־געשטעלט זיך פאַר דעם דרייסטן שריט צו שטעלן אין סכנה דעם גאַנצן בנין פון אינטערנאַציאָנאַל, אָנערקענענדיק פאַר דער גאַנצער וועלט זיין סאָלידאַרישקייט מיט דער פּאַריזער קאָמונע און פאַראורטיילנדיק אויפן שאַרפסטן אופן אירע רעאַקציאָנערע הענקער. און די דאָזיקע סכנה איז

טאַקע געווען זייער גרויס נישט נאָר צוליב דעם שטורעם פון צאָרן און האַס און די רדיפות, וועלכע דער אויפרוף פון אינטערנאַציאָנאַל האָט אַרויסגערופן מצד די רעגירונגען אין דער גאַנצער בירגערלעכער וועלט. נאָך ערגער איז געווען דאָס, וואָס די שטימונג פון די בירגערלעכע קרייזן האָט דאָס מאָל מיטגעריסן באַדייטנדיקע טיילן פון פּראָלעטאַריאַט, באַזונדערס אין ענגלאַנד. ס'איז אַפילו דערגאַנגען דערצו, אַז צוויי אָנגעזעענע ענגלישע מיטגלידער פון גענעראַל־ראַט, פירער פון די טרעד־יוניאָנען (פּראָפ. פאַריינען), זענען אַרויסגעטראָטן פון אינטערנאַציאָנאַל.

אין פראַנקרייך האָט די דורכגעפאַלענע פּאַריזער קאָמונע און שפּעטער די מוראדיקע רדיפות, איינגאַנצן אויסגעשעפּט דעם אַרבעטער־קלאַס. אין דייטשלאַנד האָט די פייערדיקע רעדע פון בעבעלן אין רייכסטאַג (פּאַרלאַמענט), אין וועלכער ער האָט באַשטעטיקט די סאָלידאַרישקייט פון זיין פּאַרטיי מיט די פּאַריזער קאָמונאַרן, געגעבן ביסמאַרקן אַ תירוץ אַוועקצולייגן אויף דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג זיין שווערע אייזערנע האַנט.

דערציילונגען און לידער

„די ציוויליזאַציע און דער יושר פון דער בורזשואַזער אָרדנונג באַווייזן זיך אין זייער אמתער און העסלעכער געשטאַלט דאַן, בשעת די קנעכט שטייען אויף קעגן זייערע אונטערדריקער."

ק. מאַרקס

ס ט. ב ז ש אָ ז אָ ו ס ק י

* * *

פּאַריז, די הייליקע שטאָט פון דער מענטשהייט, איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי גרויס, ווי אין דער צייט פון דער אומפאַרגעסלעכער קאָמונע. דער פאַרצווייפלטער קאַמף האָט אָפּגערייניקט די אַטמאָספער. מענטשן האָבן אין דער סכנה זיך דערפילט ווי ברידער. פּאַריז איז אויפסניי געבוירן געוואָרן אונטער די האַרמאַטן און באָמבעס ווי די הויפּט־שטאָט פון שכל און מענטשלעכקייט. מענטשן האָבן דאָ זיך אויסגעלערנט פאַרלאָזן זיך אויף זיך אַליין, אויסגעלערנט זיך פאַראייניקן אין איין גרויסן אַלטעגלעכן ווערק, אויסגעלערנט שטאַרבן אָן שרעק. די נשמה פון דער קאָמונע איז אַנטשטאַנען פון די העלדישע אויפטוען. בשעת די באָמבעס פון די פּרייסן האָבן צעשטערט הייזער, האָבן די פּאַריזער פרויען אויסגעשריען:

— פאַרן געוועהר און אין די טראַנשייען.

דאָס אַרבעטער־פּאַריז וואָלט זיך פאַר קיין זאַך נישט געשראָקן, דאָס אַרבעטער־פּאַריז וואָלט זיך באַגראָבן אין די חורבות פון די הייזער — אַ שטויס פון מתים, וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר פרייהייט.

וועגן די מענטשן האָט מען גערעדט, אַ זיי האָבן נישט ליב געהאַט דאָס פאָטערלאַנד. וועגן זיי, וועלכע האָבן גערופן צו גאַנץ פראַנקרייך: „קום אום מיט אונדז!"

כ'האָב געהערט בלאַנקי, ווי ער האָט גערופן:

— געוועהר פאַר אַלע פראַנצויזן, מיר וועלן שיצן יעדעס פּיצל ערד. געוועהר פאַרן פאָלק, געוועהר פאַר די אויסגעהאָרעוועטע הענט!

אָבער געוועהר דאָס איז מאַכט.

פראַגמענט פון בוך „פלאַמען"

טיער האָט געוואָלט ביי פּאַריז צוגנבֿענען אַפילו אירע אייגענע האָר־מאָטן.

כ׳האָב געזען ווי דער פּאַריזער אַרבעטער־עולם האָט זיי אַרומגענומען, ווי לעבעדיקע נפשות, ווי פריינד. פרויען האָבן זיי געוואָרפן אונטער די רעדער בלומען אין דעם טאָג, ווען ס׳האָט אָנגעהויבן געבוירן ווערן די הייליקע קאָמונע.

קאַטיאַ איז געשטאַנען אויף איינע פון די האַרמאַטן און גערופן:

— פרויען פון פּאַריז, קיין איין קוש פאַר די קנעכט און פחדנים. ס׳קענען קיין קנעכט נישט זיין די פּאַטערס פון אונדזערע קינדער, ווייל מיר ווילן נישט רויט ווערן פון חרפה צוליב זיי. פרייע מענטשן ווילן מיר געבוירן, פרייע, נישט אַזעלכע, וואָס לעבן מיט מענטשלעך בלוט. אַרבע־טער־פרויען, אַרבעטער־טעכטער, געבוירן ווילן מיר קינדער פאַר דער צוקונפט, אין וועלכער די אַרבעט וועט זיין פריי. די פרויען האָבן געפּאַטשט מיט די הענט — און זי האָט געשריגן:

— צום געווער! צום געווער!

אַזעלכע האָב איך זי געזען די גאַנצע צייט. ווי נאָר ס׳פלעגט שוואַכער ווערן אַן אָפּטיילונג פון פעדעראַליסטן — פלעגט זי כאַפּן די פאָן און רופן:

— אַ חרפה וועט זיין פאַר אייך, אַז איך וועל אומקומען.

נאָך איר איז געלאָפן דער ריזיקער צעהיצטער קאַרוטאַ, רופנדיק:

— זאָל לעבן די קאָמונע! דער איינציקער זאַץ אַוודאי, וואָס ער האָט געקענט אויף פראַנצויזיש. כ׳האָב געזען ווי זי פלעגט זיך שטעלן הינטער די פעלד־בעטלעך, אויף וועלכע מען האָט געטראָגן פאַרוווּנדעטע און דערהרגעטע און האָט גערופן:

— נקמה, נקמה! פאַרגעסט נישט וויפל עס זענען שוין אומגעקומען, מוטערס! שיקט די זין! שוועסטער — שיקט די ברידער, פרויען — די מענער! מיר פרויען וועלן אויסקעמפן די צוקונפט, מיר האָבן קינדער, מיר ווילן נישט קיין קנעכטשאַפט אויף דער ערד!

— פּאַריז וועט זיך נישט אונטערגעבן — האָט זי אויסגערופן, ווען די ווערסאַלער האָבן אָנגעהויבן אַריינגיין — מיר ווילן נישט, מיר קענען נישט לעבן אין קנעכטשאַפט, מיר וועלן שטאַרבן, מיר וועלן אומקומען, כדי צו לעבן אין זכרון, ווי די גרויסע שטאָט פון צוקונפט, די הויפּט־שטאָט פון דער פרייהייט.

די פרייוויליקע פון דער פאַריזער קאָמונע

(האָלץ־גראַוויור)

און מיט שטורקאַץ אין דער האַנט איז זי געלאָפן אונטערצינדן הייזער, האָט געפּאָדערט פּולווער, דינאַמיט און נאַפט.

— אומקומען, אומקומען אונטער די חורבות און נישט לעבן אין קנעכטשאַפט!

— רופט דעם טויט, דעם טויט רופט, טעכטער פון פּאַריז.

אַ גאַס נאָך אַ גאַס זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די ווערסאַלער. יאוש האָט זיך אָנגעהויבן אַריינגיסן אין די מוטיקע נשמות.

קאַטיאַ איז אַריבערגעגאַנגען פון באַריקאַדע צו באַריקאַדע.

מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן, מיר וועלן שטאַרבן פריי. — זי גיט זיך נישט אונטער, די פּאַריזער קאָמונע. — און זי האָט אויסגערופן:

— פאַרוואָס האָט איר מורא: פאַרן טויט? זי וועט סיי־ווי־סיי קומען די ציינלאָזע זקנה מיטן שטעקן, זי וועט קומען, וועט זיך זעצן ביי אייער קישן, גוססן וועט איר טאָג און נאַכט אין דער פינצטער. צי איז נישט בעסער צו שטאַרבן אַזוי? מיר זענען איצט האַלבע געטער, פרייע אויף שטענדיק, אַזעלכע פאַרבלייב פּאַריזער! איך וועל מיך פאַרטיידיקן ביזן סוף, אַפילו אַליין. ווער איז מיט מיר? און ס׳האָבן זיך געהויבן צו איר פון פולער שוואַרצע הענט און ס׳האָבן געגרופן פאַרברענטע ליפן:

— אויף טויט! מיר וועלן שטאַרבן פריי!

— פרויען — האָט געגרופן קאַטיאַ. — אין די גאַסן, אין די גאַסן, שטאַרבן נעבן די ברידער און מענער. די ביקסן פאַלן אויפן ברוק, פאַרוואָס הויבט איר נישט אויף די ביקסן? פרויען וועלן קעמפן, אַז ס׳וועלן אומקומען מאַנסלייט. געמיין זענען די, וועלכע ווילן איבערלעבן פּאַריז!

פּאַריז, צי ווייסט איר וואָס ס׳איז אַזוינס פּאַריז?

די שטאָט, וועלכע שרייט מיט יאָרהונדערטער: — ס׳איז קיין זאַך נישט העכער פון מענטש. פּאַריז, אַזאַ הייליק אָרט, ווו דאָס הייליקסטע פון אַלע ווערטער איז דער מענטש. מיר רופן נישט אויס: „גאָט און דאָס פאָטערלאַנד״, אַזוי רופן אויס די, וואָס לעבן פון רויב און מערדעריי. גאָט, דאָס איז די קנעכטשאַפט פון נשמות, נשמות מוזן ציטערן, כדי די קערפּערס זאָלן אַרבעטן. די נשמה פון פּאַריז ציטערט נישט. מיר וועלן שוין נישט וויסן פון קיין קנעכטשאַפט, ס׳וועלן זיך נישט בויגן אונדזערע רוקנס. גלייכע און שטאָלצע וועלן מיר גיין צום טויט.

זי האָט מיך באַגעגנט דעם פאַרלעצטן טאָג אין ווינקל פון עפּעס אַ געסל.

— מיכאַל — האָט זי אַ רוף געטאָן, בשעת כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען, נישט באַמערקנדיק זי. — כ׳האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין געפאַלן, — האָט זי געזאָגט—און איך האָב געוואָלט נוקם זיין זיך פאַר דיין טויט: דו לעבסט נאָך?

פולווער האָט זיך געשפּירט פון אירע הענט, פּנים, פון די האָר, דער ריח פון פולווער, די לופט פון קאַמף האָט מיך אַרומגענומען פון איר קוש.

— איצט לעב איך, — האָט זי געזאָגט מיט צעשפּרייטע נאָז־לעכער, אָנגעשפּאַרט אויף דער ביקס. — איצט לעב שוין איך נישט ווי מאַראָשקינס שקלאַפין. זינט איך ווייס, אַז כ׳וועל שטאַרבן מיטן געווער אין דער האַנט אַ זיגערישע און אומדערשראָקענע — קען איך ווידער קלערן וועגן זיך אָן עקל. איך קוש דיך מיט פרייע ליפּן. מיט ליפּן, וועלכע דער טויט וועט אויף אייביק שליסן. איך דאַנק דיר פאַרן לעבן פון קאַמף, איך דאַנק דיר פאַר די טעג אין פּאַריז, וואָס פלאַקערט.

די קוילן האָבן אונדז געפייפט איבערן קאָפּ, בשעת זי האָט נאָך געזאָגט:

— איך האָב דיך געליבט שטאַרק, שטאַרק האָב איך דיך געליבט, מישוק.

און מיר זענען געגאַנגען אויף אונדזערע פּאָסטנס.

יעדער איז געגאַנגען אַהין, ווו ער איז געווען צום נויטיקסטן.

די פאָדערשטע באַריקאַדע האָט געשיצט קאַרוטאַ. ווען עס האָבן אים געפעלט קוילן, האָט ער אַרויסגעריסן שטיינער פון ברוק און געוואָרפן.

צווישן איין סאַלווע און דער צווייטער האָט ער אויסגערופן:

— ווערסאַלסקאַיאַ סוואָלאָטש!

און ווען ער פלעגט אָפּשטויסן די אַטאַקע, האָט ער געשריען:

— טיער סוויניאַ!

די באַריקאַדע איז צוויי מאָל גענומען געוואָרן. צוויי מאָל האָט ער אַראָפּגעיאָגט פון איר די ווערסאַלער און האָט זיי געטריבן ביז צו זייערע פּאָזיציעס. צום דריטן מאָל האָט אים געטראָפן אַ קויל אין האַרץ, ער איז געפאַלן מיטן אויסגעשריי אין אָפענעם מויל:

— ווערסאַלסקאַיאַ סוואָלאָטש!

כ׳האָב געזען אלדין, ווי ער האָט געשאָסן זיצנדיק, די פיס זענען גע־ווען ביי אים צוגעקוועטשט, ביי זיינע פיס איז געלעגן ראַמען מיט אַ קליינע שוואַרצע וווּנד אין דער שלייף. כ׳האָב געזען ווי אַ קויל האָט דורכגעשאָסן אַלדיס האַרץ, בשעת ער האָט אויסגערופן:

— שטאַרבן, שטאַרבן מיט געווער, אַרבעטער.

און כ׳האָב ענדלעך געזען זי אויפן ברוק, די ברוסט דורכגעשטאָכן מיט אַ שפּיז: זי איז געלעגן מיט פאַרגלאָצטע אויגן, אַ האַרמאַט איז אַרויפגע־פאָרן אויף איר קערפּער: לעבן מיר זענען געשטשאַנען אַ צוואָנציק אַרבע־טער, כ׳האָב אַ געשריי געטאָן און זיך אַ לאָז געטאָן פאָרויס.

דער האַרמאַט איז געווען אונדזערער: אין זיינע רעדער איז געבליבן שטעקן קאַטיעס קערפּער, צעדריקט אויף אַ שוידערהאַפטן אופן.

דאָס איז געווען דער לעצטער נצחון.

כ׳בין געפאַלן אַ פאַרווונדעטער. ס׳האָט מיך מציל געווען כמעט ווי דורך אַ נס אַן אַרבעטער־פאַמיליע.

צוויי אַלטע מענטשן האָבן מיך געהיטן אין משך פון צוויי חדשים אין עפּעס אַ גרוב.

ווען כ׳בין אויפגעשטאַנען פון בעט און געהאַלטן ביים אַוועקפאָרן האָבן זיי געוויינט: זיי האָבן געהאַט 5 זין פאַר דער קאָמונע, זענען פון זיי געבליבן נישט מער ווי זייערע העלדישע נעמען.

דער לעצטער אַ צוועלף־יאָריקער, איז געווען יענער, וועלכער האָט, ווערנדיק פאַרהאַלטן דורך די ווערסאַלער, געבעטן אַ דערלויבעניש אָפּצו־געבן זיין זייגערל, און איז נאָכן אָפּגעבן צוריקגעקומען, כדי צו פאַלן אונטער אַ מויער, אַדורכגעשאָסן פון קוילן.

דוד פליסקין

דער קאָמונאַר

אַזאַ אַלטן ניגון הערט ער
אינם רויש צווישן שטאַמען.
ער דערמאָנט זיך אויך די ווערטער:
ס'איז אַ ניגון פון זיין מאַמען.
הילכט דער ניגון צו דעם זיידן,
ער דערמאָנט זיך אין זכרון.
און די ווערטער צו אים ריידן
נאָך פון זיינע קינדער־יאָרן.
ליגט זיין העמד פון דאַן פאַרבלוטיקט
ערגעץ ווו אין די שופלאָדן
און זיין האַרץ איז נישט אַנטמוטיקט,
נאָר מיט צאָרן אָנגעלאָדן
זיינע בליקן, ווי די שפיזן,
קעגן אַלע רייכע האַרן.
ער איז איינער פון די ריזן,
פון די אַלטע קאָמונאַרן.

איליאַ ערענבורג

(פראַגמענט)

די לולקע פון קליינעם קאָמונאַר

פאָל, דער קליינער קאָמונאַר, איז געבוירן געוואָרן אין אַ פאָרשטאָט פון פאַריז, אין איינעם פון די פאַריזער אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון וואַנען עס האָבן געשטאַמט די העלדישע קאָמונאַרן ווי זיין טאַטע און דעם פאָטערס חברים. אויך פאָלס פאָטער — לואי — האָט געשטאַמט פון קאָמונאַרן. לואי דער מויערער, וועלכער איז אויך געבוירן געוואָרן אין שיינעם פאַריז, האָט שוין אַלס קינד געפילט הונגער און נויט, ווייל אויך לואיס פאָטער איז אַ מויערער געווען און נישט געהאַט מיט וואָס צו שפייזן זיין זון. געדענקט טאַקע לואי ווי זיין פאָטער האָט אין איינעם אַ טאָג גענומען זיך פאַר דער ביקס און איר גרייט געמאַכט צום קאַמף. לואיס פאָטער איז געפאַלן אי, קאַמף אויף דער גאַס פאָדערנדיק ברויט, ווען אין דער זעלבער צייט האָט דאָס רייכע פאַריז פאַרבראַכט זאָרגלאָז אין די בולוואַרן און קאַפעען, ווו עס האָבן זיך אויך געוויילט רייכע דאַמען, אויף וועמענס באַפעל עס זענען דאַן דערשאָסן געוואָרן פיל קאָמונאַרן, צווישן זיי אויך לואיס פאָטער זשאַן. לואי — פאָלס פאָטער — איז דאַן געבליבן לעבן, צוליבן חסד פון אַ רייכן העָר, וועלכער האָט נישט געהייסן דערשיסן לואין אויס מורא, אַז ס׳וועט נישט זיין ווער עס זאָל בויען ווייטער פאַלאַצן און הייזער פאַר פאַריז. פאָלס פאָטער האָט איבערגענומען די לולקע פון זיין פאָטער זשאַן. ער איז געוואָרן אַ מויערער און פאָרגעזעצט די אַרבעט פון זיין טאַטן. שענער געמאַכט פאַריז, ווייטער פונאַנדערגעבויט גרויסע רייכע פאַלאַצן און טעאַטערס און אַליין פאַרבראַכט אין דעם אָרעמסטן פאַריזער קוואַרטאַל. לואי האָט געטראָגן אַ פאָר סאַמעטענע הויזן, אַ ברייטן קאַפעלוש און אין מויל די לולקע פון דעם קאָמונאַר זשאַן. אין אַ שיינעם טאָג האָט אויך לואי באַקומען אַ ביקס, ער האָט זיך דערוווסט, אַז ס׳איז שוין אין פראַנקרייך נישט פאַראַן קיין קייסער,

כאָטש ס׳איז פאַראַן אַ רעפּובליק זענען ווייטער פול די קאַפּעען מיט רייכע לייט און אין די פּאַריזער שוואַרצע געסלעך האָט זיך נאָך גאַרנישט גע־ענדערט. ער איז ווייטער געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן און נישט פאַרלאָזט דעם האַרמאַט. די פּרייסן זענען געקומען און זענען אַוועק. אָבער אין פּאַריז האָט ווייטער געהערשט אַרבעטסלאָזיקייט, נויט און הונגער. לואי האָט ווייטער געריניקט זיין ביקס און, ווען מען האָט אים אויפגעפאָדערט ער זאָל זי צוריק אָפּגעבן, האָט ער אויפן ביישפּיל פון זיינע חברים אָפּגעזאָגט זיך דאָס צו טאָן. צוזאַמען מיט זיינע חברים איז ער אַרויס אין גאַס קעמפן. פּאַריז איז געווען אַרומגעשטעלט מיט באַריקאַדן. אויף מאָרגן איז די „רעפּובליק" אַרויסגעפאָרן פון פּאַריז. די „רעפּובליק" האָט אָבער צוריק געוואָלט באַ־קומען פּאַריז און האָט זי אָנגעהויבן באַשיסן. לואי איז געשטאַנען אויף דעם אָרט, וווּ ס׳איז אַמאָל געשטאַנען זיין פאָטער זשאַן. דאָרט האָט ער אַריינ־געלייגט קוילן אין האַרמאַט אַריין. דער קליינער פּאָל, האָט ביים זייט פון זיין פאָטער זיך דערווייל געשפּילט מיט די אַרויסגעשאָסענע גילזן, ווי אויך געמאַכט זייפן־בלאָזן און געשפּילט זיך מיט זיינס אַ לולקע. ביינאַכט איז פּאָל געשלאָפן צוזאַמען מיט די קאָמונאַרן. ווען ער פלעגט נאָר צו זיי צוקומען האָבן זיי אים פריינדלעך באַגעגנט און האָבן אים באַגריסט — „ביסט שוין אַן אמתער קאָמונאַר".

פּאָל האָט מיט שטאָלץ נאָך שטאַרקער פאַרביסן צווישן די ציין זיין ליימענע לולקע, וועלכע ער האָט אַלס מתנה געקראָגן און צופרידן געווען, וואָס ער האָט דעם כבוד צו שלאָפן מיט די קאָמונאַרן־וועכטער אויף דער באַריקאַדע.

דער קאַמף איז נישט געווען קיין גלייכער, ווייל נישט גלייך זענען געווען די כוחות. די ווערסאַלער האָבן כסדר צוגעקראָגן פאַרשטאַרקונגען פון די פּרייסישע האַרמאַטן. קלענער איז געוואָרן די צאָל פון די קאָמונאַרן, אָבער עקשנותדיקער האָבן געקעמפט די לעבן־געבליבענע. עקשנותדיק האָבן געקעמפט לואי צוזאַמען מיט נאָך צוויי קאָמונאַרן.

***

— ווי קומסטו אַהער, פּאָסקודנע וואַנץ? — האָט איינער פון די סאָוואָיער לייט אַ פרעג געטאָן.

— איך בין אַן עכטער קאָמונאַר — האָט פּאָל רו שמייכלענדיק גע־ענטפערט.

די זעלנער האָבן אים געוואָלט דערשטעכן מיט די באַגנעטן, אָבער דער קאַפּראַל האָט געזאָגט, אַז קאַפּיטאַן פראַנסואַ ד׳עמאַניאַן האָט באַ־

פוילן צוצושטעלן דעם קליינעם קאַמונאַר אין איינעם פון די עלף פונקטן, ווהין מען האָט צונויפגעטריבן אַלע געפאַנגענע.

— וויפל אונדזעריקע דאָס דאָזיקע מלאכל האָט אומגעבראַכט! — האָבן די זעלנער בייז געברומט, אונטערשטויסנדיק פאַלן מיט די קאָלבעס. און דער קליינער פאַל, וועלכער האָט קיינעם קיינמאָל נישט געהרגעט, נאָר אַרויסגעלאָזט פון זיין לולקעלע זייפנבלאָזן, האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַר־וואָס די דאָזיקע מענטשן זידלען און באַליידיקן אים.

דעם געפאַנגענעם בונטאַר פאָל רו, וועלכער איז אַלט געווען פיר יאָר, האָבן די זעלנער פון דער נאַציאָנאַלער אַרמיי געבראַכט צו פירן אינם איינגענומענעם פּאַריז. אין די צפונדיקע פאַרשטעט האָבן נאָך געשאָסן און אומגעקומען בלוזע־לייט. אָבער אויף די עליזעישע פעלדער, אויף דער אָפּערן־גאַס און אינם קליינעם קוואַרטאַל פון זיבנשטראַליקן שטערן האָבן זיך שוין מענטשן געלאָזט ווילגיין. עס איז פונקט געווען דער שענסטער חודש מאַי, די קאַשטאַנביימער אויף די גרויסע בולוואַרן האָבן געבליט, און אונטער זיי, אַרום מאַרמאָרנע טישלעך, האָבן אין די קאַפע־הייזער פראַנטן געטרונקען בלוט־רויטע משקה און פרויען האָבן זאָרגלאָז געשמייכלט. ווען מען האָט דורך זיי פאַרבייגעפירט דעם קליינטשיקן קאָמונאַר, האָבן זיי גע־שריען, מ'זאָל אים זיי געבן אין די הענט אַריין. דער קאַפראַל האָט אָבער געדענקט דעם קאַפיטאַנס באַפעל און ער האָט פאַלן אָפּגעהיטן, דערפאַר אָבער האָט מען זיי געגעבן אַנדערע געפאַנגענע מענער און פרויען. זיי האָבן געשפיגן אויף זיי, געשלאָגן מיט די עלעגאַנטע שטעקעלעך און ווען זיי זענען פאַרמאַטערט געוואָרן, דערשטאָכן זיי מיט אַ באַגנעט, וואָס זיי פלעגן ספּעציעל נעמען ביי אַ צופעליק־פאַרבייגייענדיקן זעלנער.

פאָל רו איז אָפּגעפירט געוואָרן אין לוקסעמבורגער פּאַרק, דאָרט, פאַרן פּאַלאַץ, ווהין מען האָט צונויפגעטריבן די געפאַנגענע בונטאַרן. פאָל איז מיט אַן ערנסטער מינע אַרומגעגאַנגען צווישן זיי מיט זיין לולקעלע און וועלנדיק טרייסטן טייל פרויען, וועלכע האָבן ביטער געוויינט, האָט ער געזאָגט:

— איך קען מאַכן זייפנבלאָזן. מיין טאַטע לואי רו האָט געדרויכערט אַ לולקע און געשאָסן פון אַ האַרמאַט. איך בין אַן עכטער קאָמונאַר.

אָבער די פרויען, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט ערגעץ אין דער פאַר־שטאָט פון הייליקן אַנטואַן זייערע קינדער, וועלכע האָבן מסתמא אויך ליב געהאַט צו מאַכן זייפנבלאָזן, האָבן הערנדיק פאָלס רייד, נאָך ביטערער גע־

ווייַנט. דעמאָלט האָט זיך פֿאַל אַנידערגעזעצט אויפֿן גראָז און אָנגעהויבן טראַכטן וועגן די זייפֿנבלאָזן, ווי שיין זיי זענען געווען: בלויע, ראָזע און לילאַפֿאַרביקע. און ווייל ער האָט לאַנג נישט געקענט טראַכטן און דער וועג פֿון פֿאָרט ביזן לוקסעמבורגער פּאַרק איז געווען ווייט און שווער, איז פֿאַל באַלד אַנטשלאָפֿן געוואָרן, נישט אַרויסלאָזנדיק דאָס לולקעלע פֿון דער האַנט.

אין דער צייט וואָס ער איז געשלאָפֿן, האָבן דערווייל צוויי גרויסאַרטיקע פֿערד געפֿירט אויפֿן ווערסאַלער שאָסיי אַ לייכט קאַרעטקעלע. דאָס האָט פּראַנסואַ ד׳עמאַניאַן אַריינגעפֿירט זיין כלה גאַבריעל דע באַניוועט אין דער שיינער שטאָט פּאַריז. גאַבריעל דע באַניוועט איז נאָך קיינמאָל אַזוי שיין נישט געווען ווי אין יענעם טאָג. דער דעליקאַטער אָוואַל פֿון איר פּנים איז ענלעך געווען צו די פּאָרטרעטן פֿון די אַמאָליקע פֿלאָרענטינישע קינסטלער. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קלייד פֿון ציטרין־קאָליר מיט שפּיצן, וועלכע זענען געשטריקט געוואָרן אין מעלכערין־מאָנאַסטיר. דאָס מיניאַטורע שירעמל האָט געשיצט איר מאַטע הויט, וואָס האָט געהאַט די פֿאַרב פֿון עפּל־בליעכץ, קעגן די צו שטאַרקע שטראַלן פֿון דער מאַי־זון. באמת, זי איז געווען די שענסטע פֿרוי פֿון גאַנץ פּאַריז, און וויסנדיק דאָס, האָט זי זאָרגלאָז געשמייכלט.

אַריינפֿאָרנדיק אין דער שטאָט, האָט פּראַנסואַ ד׳עמאַניאַן צוגערופֿן אַ זעלנער פֿון זיין פּאָלק, וועלכן ער האָט אָנגעטראָפֿן אויפֿן וועג, און אים געפֿרעגט, ווו עס געפֿינט זיך דער געפֿאַנגענער פֿון פֿאָרט, וועלכן מען האָט הייַנט אייַנגענומען. און ווען די געליבטע זענען אָנגעקומען אין לוקסעמ־בורגער פּאַרק און זיי האָבן דערזען דאָס בליעכץ פֿון די אַלטע קאַשטאַנבוי־מער, דעם בלושטש ביים מעדיטשי־פֿאָנטאַן און די שוואַרצע דראָזד־פֿייגל, וועלכע האָבן אַרומגעהיפּערט אויף די אַלייען, האָט זיך גאַבריעל דע באַני־וועטס האַרץ איבערגעפֿולט מיט צערטלעכקייט און דריקנדיק דעם חתנס האַנט, האָט זי אויסגעפּליסטערט:

— מיין טייערער, ווי שיין דאָס לעבן איז!...

די געפֿאַנגענע, פֿון וועלכע מען פֿלעגט יעדע שעה עמעצן אָוועקפֿירן צום שיסן, האָבן באַגעגנט דעם קאַפּיטאַנס שליפֿעס מיט טויט־שרעק — יעדער האָט געטראַכט, אַז איצט איז געקומען זיין ריי. אָבער פּראַנסואַ ד׳עמאַ־ניאַן האָט אויף זיי קיין אַכט נישט געלייגט. ער האָט געזוכט דעם קליינעם קאָמונאַר. ער האָט אים געפֿונען אַ שלאָפֿנדיקן און מיט אַ לייכטן שטויס

אים אויפגעוועקט. ווען דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט עס זיך לכתחילה צעוויינט. דערזעענדיק אָבער גאַבריעלס פרייליכן פנים, וואָס איז אַזוי נישט ענלעך געווען צו די פנימער פון די איבעריקע פרויען, וואָס האָבן זיך געפונען אַרום אים, האָט ער אַריינגעשטעקט דאָס לולקעלע אין מויל, אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— איך בין אַן עכטער קאָמונאַר.

גאַבריעל האָט מיט באַפרידיקונג אַ זאָג געטאָן:

— באמת, אַזאַ קליינינקער! איך בין איבערצייגט, אַז זיי ווערן געבוירן מערדער, איצט דאַרף מען זיי אַלע אויסראָטן, אַפילו ערשט געבוירענע קינדער.

— האָסט אים שוין אָנגעקוקט, איצט קען מען אים שוין צוענדיקן, — האָט פראַנסואַ אַ זאָג געטאָן און צוגערופן אַ זעלנער.

אָבער גאַבריעל האָט אים געבעטן צוואַרטן אַ ווײַלע. זי האָט געוואָלט פאַרלענגערן די זיסע מינוטן פון דעם דאָזיקן לייכטן זאַרגלאָזן טאָג. זי האָט אים דערמאָנט, אַז שפּאַצירנדיק איין מאָל בשעת אַ יאַריד אין בולאָנער וואַלד האָט זי געזען אַ בויד מיט אָנגעהאָנגענע ערדענע לולקעלעך: טייל פון זיי האָבן זיך געדרייט און יונגעלייט האָבן געשאָסן פון ביקסן אין די דאָזיקע לולקעלעך אַריין. כאָטש גאַבריעל דע באָניוועט איז געווען פון אַ פיינער יחוסדיקער פאַמיליע, פונדעסטוועגן האָט זי ליב געהאַט פּשוטע פאָלקסטימלעכע פאַרוויילונגען, און דעריבער, דערמאָנענדיק זיך וועגן דער פאַרוויילונג אויפן יאַריד, האָט זי געבעטן דעם חתן:

— איך וויל מיך אויסלערנען שיסן. אַ פּרוּוו פון אַ פראָנט־אָפיציר אין דער אַרמיי דאַרף קענען האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט. דערלויב מיר צו טרעפן אינעם לולקעלע פון דעם דאָזיקן קליינעם תליון.

פראַנסואַ ד'עמאָניאַן האָט קיינמאָל זיין כלה נישט אָפּגעזאָגט קיין שום זאַך. ער האָט איר ערשט נישט לאַנג געשאָנקען אַ פּערל־האַלזבאַנד פאַר דרייסיק טויזנט פראַנק. האָט ער דען געקענט איר אָפּזאָגן אין דער דאָזיקער קליינער דאָרפישער פאַרוויילונג? ער האָט גענומען ביים זעלנער די ביקס און דערלאַנגט דער כלה.

דערזעענדיק דאָס מיידל מיט דער ביקס, זענען זיך די געפאַנגענע צעלאָפן אין צווייטן עק פונעם אָפּגעצוימטן פּלאַץ. פּאָל איז אָבער רואיק געבליבן שטיין מיטן לולקעלע צווישן די ציין און געשמייכלט. גאַבריעל האָט

געוואַלט טרעפן אין לולקעלע אַריין, בשעת ער וועט זיך באַוועגן, האָט זי צילנדיק אַ זאָג געטאָן צום יינגעלע:

— אַנטלויף, אַנטלויף! איך גיי שיסן!...

פּאָל האָט אָבער זייער אָפּט געזען ווי מענטשן שיסן מיט ביקסן. דערביי בער איז ער רואיק געבליבן שטיין אויפן אָרט. גאַבריעל איז אַרויס פון געדולד און האָט אויסגעשאָסן, און ווייל זי האָט דאָס ערשטע מאָל געהאַט צו טאָן מיט אַ ביקס, קען מען אויף איר קיין פאַראיבל נישט האָבן, וואָס זי האָט נישט געטראָפן.

— מיין טייערע — האָט פראַנסואַ ד'עמאָניאָן אַ זאָג געטאָן: — איר קענט בעסער דורכשיסן הערצער מיט ליבעס-פיילן, ווי ערדענע לולקעלעך מיט קוילן. זעט, איר האָט דאָס דאָזיקע שדל דערהרגעט און דאָס לולקעלע איז געבליבן גאַנץ.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

קאָמונאַרן־וואַנט

נישט ווייט פון די בולוואַרן,
וו ס׳בליצט ביינאַכט די ליכטיקייט מיט רויט און בלאָ,
און פונקט ווי ברויט אויף פונטן, פאַרקויפט מען ווייבער אויפן שעה, ..
נישט ווייט פון די בולוואַרן
שטייט די וואַנט פון די פאַריזער קאָמונאַרן.

געבלייכט פון רעגן זענען די ציגל אַלט,
און אפשר האָט מען זיי געבערשטלט און געוואַשן
כדי דאָס בלוט צו פאַרבאַהאַלטן.

מיט קליינע קוילן־לעכעלעך צעהאָגלט
וועדליג אויף דער וווקס פון מענטשן

און העכער נאָך
ביז צו אַ וווקס אַזאַ,
ווען מ׳הויבט זיך אויף מיט הענט און האַלדז
צו דראָען, און צו שפּאָטן און צו שעלטן.

איינער האָט דאָס העמד צעשפּילעט
און מיטן פּנים אָפּן פאַר דער געפאַר
האָט ער געשריען:
מיינע בלוטיקע גרוסן וועלן קומען, קומען, קומען,
די גרוסן
פון דעם ערשטן קאָמונאַר.
דער ייִנגסטער האָט די וווּנד אין ביידע הענט פאַרדריקט,
וואָס איז גליאיק און בריט.

געבלייכט פון רעגן זענען די ציגל אַלט,
און אפשר האָט מען זיי געבערשטלט און געוואַשן
נאָר ס׳זענען דאָך פאַראַן אויף זיי געשטאַלטן.

אַ פּנים פון אַ פרוי
(נאָך זייער יונג)
די ליפּן אויסגעשטרעקט ווי צו אַ טרונק,
ווי ס׳וואָלט אַ דאָרשט געפייניקט
פון אַ קרענק צי פון אַ וויי,
אָדער אפשר פון אַ זינגען אָט אַזאַ
וואָס איז קיין ליד נישט,
נאָר דאָס געזאַנג פון אייגענעם געשריי.

געבלייכט פון רעגן זענען די ציגל אַלט
און אפשר האָט מען זיי געבערשטלט און געוואַשן,
נאָר ס׳זענען נאָך פאַראַן אויף זיי געשטאַלטן.

האָב איך געזאָגט צו זיי:
— שוין זעכציק יאָרן, יאָר נאָך יאָר,
דער טומל אויף בולוואַרן איז געוואַקסן,
(און מאַנכע גייען שוין אין שיכעלעך פון גאָלד)

נאָר איר זייט אויף דער וואַנט געבליבן בלייך און גראָ.
האָבן מיילער פון געשטאַלטן זיך צעלאַכט,
אַז ליידיקע זענען געבליבן הענגען מיינע ווערטער.
— ס'איז אויסער אונדז דאָך קיינער נישט־נישטאָ.
און דו אַליין וואָס לעבסט — ביסט ערד!
און בייז ביסטו פאַרקרימט,
ווייל ביסט נישטאָ אין לעבעדיקער וואַנט, מיט אונדז!

נישט ווייט פון יענע־אַט בולוואַרן,
וואָס בליצן פייערן מיט רויט און בלאָ
און פונקט ווי ברויט אויף פונטן, פאַרקויפט מען ווייבער אויפן שעה,
נישט ווייט פון די בולוואַרן,
שטייט די וואַנט פון די פאַריזער קאָמונאַרן.

ע. ליסאַגאָרע

פרויען און קינדער אין דער פּאַריזער קאָמונע

די פרוי, וואָס באַגריסט, אָדער באַגלייט די קעמפער — איז די מוטיקע און אמתע פּאַריזערין. דאָס אומריינע באַשעפעניש פון מיטעלן געשלעכט, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דער אימפּעריע זנות, איז אַוועק צוזאַמען מיט זיין קליענטור קיין ווערסאַל, אָדער עקספּלאָאַטירט די פּרייסישע אוצרות אין סען־דעני. איצט הערשט דאָ די שטאַרקע, מסירת־נפשדיקע, טראַגישע פרוי, וואָס קען פונקט אַזוי שטאַרבן ווי ליב האָבן, — וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם ריינעם און איידעלן קוואַל, וועלכער שטראָמט פון 89־טן יאָר אָן אין די פאָלקס־טיפן. די חברטע פון אַרבעט וויל זיין אויך אַ שותפטע צום טויט. „ווען דאָס פראַנצויזישע פאָלק זאָל באַשטיין בלויז פון פרויען, סאַראַ שרעקלעך פאָלק וואָלט דאָס דעמאָלט געווען!” — האָט געשריבן דער קאָרעספּאָנדענט פון „טיימס”. דעם 24 מערץ האָט איין פעדעראַליסט זיך געווענדעט צו די בורזשואַזע באַטאַליאָנען פון ערשטן קרייז מיט אַ רעדע, וואָס האָט זיי געצווונגען אַראָפּצולאָזן דאָס געווער פון די הענט: „גלויבט מיר, איר וועט נישט קענען ביישטיין. אייערע פרויען גיסן טרערן, אָבער אונדזערע ווייַנען נישט.”

אַ פּאַריזערין האַלט נישט אָפּ איר מאַן, — פאַרקערט, זי ציט אים אַריין אין שלאַכט, טראָגט אין די טראַנשייען וועש און זופּ, ווי זי פלעגט עס טאָן אין וואַרשטאַט. אַ סך ווילן זיך נישט אומקערן צוריק, נעמען זיך צום געווער. דעם 4־טן אַפּריל נעמען זיי אָנטייל אויף דער שאַטיליאָנער באַרג־פּלאַך אין דער שיסעריי. אויב זיי קערן זיך אום, איז בלויז צו רופן צום געווער. זיי קלעפּן צו צו די ווענט פון צענטן ראַיאָן אַ רײַנדיקן אויפרוף: „מען מוז זיגן אָדער שטאַרבן. איר אַלע וואָס זאָגט: וואָס גייט מיך אָן דער טריומף פון אונדזער אונטערנעמונג, אויב איך מוז פאַרלירן אַלע מיינע ליבסטע, זייט וויסן, אַז דאָס איינציקע מיטל מציל

צו זיין די אַלע, וואָס זענען אייך ליב, איז וואָרפן זיך אין קאַמף.״ זיי לייגן פאַר דער קאָמונע זייער דינסט, בעטן געווער, מיליטערישע אַמטן, ווערן אויפגעבראַכט אויף פּחדנים. „מיין האַרץ פאַרגייט פון בלוט — שרייבט איינע — ווען איך זע אין קאַמף בלויז יענע, וואָס רייסן זיך אַליין אַהין. איך באַשולדיק אייך אין קיין זאַך נישט, בירגער דעלעגאַט: איך בין ווייט פון דעם דאָזיקן געדאַנק: מיין האַרץ פון אַ בירגערין שרעקט זיך אָבער, אונדזערע פלענער אויף ווייטער זאָלן נישט אַ תל ווערן אַ דאַנק דער שוואַכקייט פון די קאָמונע־מיטגלידער.״

די פרוי אַנדרע לעאָ גיט צו פאַרשטיין אין הערלעכע שורות דעם זין פון דער קאָמונע און רופט דעם דעלעגאַט פון מיליטערישן אַמט אויס־צונוצן „דעם הייליקן פלאַם, וואָס ברענט אין די הערצער פון די פרויען.״ אַ מיוחסדיקע, געבילדעטע, שיינע, רייכע רוסין, וואָס האָט זיך געהייסן דמיטריעוונאַ, איז געווען די טערזאַנידע מעריקור — אַ באַרימטע העלדין פון דער רעוואָלוציע אין 1789 — פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע, וואָס האָט מיט האַרץ און נשמה און מיט אירע טאַטן געהערט צום פאָלק. לואיזע מישעל, אַ לערערין פון 27טן קרייז, אַ צאַרטע און געדולדיקע מו־טער צו די קליינע קינדער, וואָס האָבן זי פאַרגעטערט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לייבין אין קאַמף פאַר דער פאָלקס־זאַך. זי האָט אָרגאַ־ניזירט אַ באַוועגלעך שפּיטאָל פאַר פרויען און זיי זענען אומגעגאַנגען אַרום די קראַנקע אונטער די קוילן.

זיי פלעגן אויך קומען אין די שפּיטעלער, כדי צו קאָנקורירן פאַר זייערע טייערע חברים, מיט די נישט זייער ליבנסווירדיקע מאַנאַכינס. און די אויגן פון די שטאַרבנדיקע פלעגן אויפלעבן אונטער דעם געמורמל פון די ליבע שטימען, וואָס האָבן גערעדט וועגן רעפובליק און האָפנונג.

אין דעם דאָזיקן קאָנקורס פון מסירת־נפש האָבן די קינדער געשטרעבט איבערשטייגן די מאַנסלייט און פרויען. נאָך דעם נצחון האָבן די ווערסאַ־לער לייט פאַרכאַפּט 660 קינדער. אַ סך ווידער זענען אומגעקומען אין גאַסן־קאַמף. זיי זענען מיטגעלאָפן מיט די באַטאַליאָנען אויף די טראַנ־שייען, אויף די באַפעסטיקונגען, האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו די האַרמאַטן. צווישן די פאַרטיידיקער פון די מאַליאַ־טויערן זענען געווען 13 און 14 יאָריקע קינדער. אין אָפענעם פעלד האָבן זיי אַרויסגעוויזן מוט ממש ביז אומזין.

***

...אין עטלעכע טעג אַרום זענען פֿאַר דעם כלומרשטן געריכט אַוועק־געשטעלט געוואָרן פֿופֿצן קינדער פֿון פּאַריז. דער עלטסטער איז געווען אַ יאָר זעכצן.

דער ייִנגסטער איז געווען אַזוי קליין, אַז מ׳האָט אים קוים אָנגעזען פֿון הינטער דער באַלוסטראַדע, וווּ עס זיצן די באַשולדיקטע. ער איז אַלט עלף יאָר. אַלע גייען זיי אין בלוזעס און מיליטערישע היטלעך.

„דריזע — פֿרעגט דער זעלנער, — מיט וואָס האָט זיך דער פֿאָטער אייערער פֿאַרנומען?" „ער איז געווען אַ מאַשיניסט." „פֿאַרוואָס זשע האָט איר נישט געאַרבעט אַזוי ווי ער?" „ווייל איך האָב קיין אַרבעט נישט געהאַט."

„בווערא, פֿאַרוואָס זייט איר געוואָרן אַ קינד פֿון דער קאָמונע?" „כּדי איך זאָל האָבן וואָס צו עסן." „מען האָט אייך פֿאַרהאַלטן פֿאַר אַרום־שלעפֿן זיך הפֿקר?" „יאָ, צוויי מאָל. דאָס צווייטע מאָל, ווייל איך האָב געגנבעט אַ פּאָר זאָקן."

„קאַנאַקל, איר זייט געוואָרן דערצויגן אין דער קאָמונע?" „יאָ, מיין הער." „פֿאַרוואָס זייט איר אַוועק פֿון דער היים?" „ווייל מיר האָבן קיין ברויט נישט געהאַט." „איר האָט אַ סך מאָל געשאָסן?" „אַ מאָל פֿופֿציק."

„לעסבאַ, פֿאַרוואָס זייט איר אַוועק פֿון אייער מוטער?" „ווייל זי האָט מיר נישט געהאַט צו געבן קיין עסן." „וויפֿל קינדער איז געווען ביי אייך?" „דריי." „איר זייט געווען פֿאַרוואונדעט?" „יאָ, מיט אַ קויל אין קאָפּ."

„לאַמאַר, איר זייט אויך אַוועק פֿון דער היים?" „יאָ, מיין הער, אויס הונגער." „און וווּ זשע האָב איך אייך שפּעטער געפֿונען?" „אין דער קאַ־זאַרמע, איך האָב געוואָלט זיך פֿאַרשרייבן פֿאַר אַ זעלנער".

„לעבערג, איר האָט געדינט ביי אַ בעל־הבית און מ׳האָט אייך געכאַפּט ביי גנבֿענען אין דער קאַסע. וויפֿל האָט איר גענומען?" „צען סו." „און דאָס געלט האָט נישט געבריט אייערע הענט?"

און דו, מענטש מיט בלוטיקע הענט, די ווערטער האָבן נישט גע־בריט דיינע ליפּן? געמיינער שוטה, האָסטו נישט פֿאַרשטאַנען, אַז לגבי די דאָזיקע קינדער, וואָס די נויט, אין וועלכער דו האָסט זיי אַריינגעשליי־דערט האָט זיי אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפֿן, לגבי די דאָזיקע

ביסטו שולדיק געווען, — מלוכה־מאַן פון דער געזעלשאַפט, ווו צוועלף־יאָריקע קינדערלעך, פּעיקע, וואָס חלשן אַרבעטן, זענען גע־צווונגען צו גנבענען אַ פּאָר אַלטע שקאַרפּעטקעס און האָבן נישט קיין אַנדער ברירה, ווי צו שטאַרבן אונטער די קוילן אָדער פון הונגער!

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט 3

געשיכטע און אָפּשאַצונגען 5

קאַרל מאַרקס 6
פרידריך ענגעלס 7
די פּאַריזער קאָמונע און דער קאַמף פאַר פרייהייט 9
די געשיכטע פון דער פּאַריזער קאָמונע 15
די קאָמונע און דער אַרבעטער־קלאַס 23

העלדן און מאַרטירער 33

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן

דאָס דייטשע מיליטער אין פּאַריז 43
אויפרופן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע 45
אויפרופן פון דער פּאַריזער קאָמונע 46
אויסצוגן פונם אויפרוף צו די דאָרפישע איינוווינער 47
די רעדע פון דער וונדערבאַרער לואיזע מישעל פאַרן געריכט 48
דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון די מיטגלידער פון דער קאָמונע 50
דער באַשטאַנד פון די פאַראורטיילטע קאָמונאַרן 51
דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל און די פּאַריזער קאָמונע 52

דערציילונגען און לידער

סט. בזשאָזאָווסקי 57
דוד פּליסקין — דער קאָמונאַר 63
איליאַ ערענבורג — די לולקע פון קליינעם קאָמונאַר 64
קאַדיע מאָלאָדאָווסקאַ — קאָמונאַרן־וואַנט 70
ע. ליסאַגאָרע — פרויען און קינדער אין דער פּאַריזער קאָמונע 73

סאָציאַליסטישע יוגנט־ביבליאָטעק „סיב":

1. קאַלמאַן וואַליש — דער העלד פון עסטרייכישן אויפשטאַנד
2. ד"ר ש. בערקאָוויטש — היסטאָרישער מאַטעריאַליזם
3. ז. שניאור — פּליטים־קינדער (פון אַ דראַמאַטישער פּאָעמע)
4. דוד קאַסטעל — מאַירקע פון קליינעם „בונד"
5. קינדער דערציילן (איינאַקטער)
6. מענדעלע מוכר־ספרים (1917—1947).